STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07261

BAYM PRUT, LA PLATA UN YARDN

Freed Weininger

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פריד וויינינגער

★

ביים פרוט, לאַ פּלאַטאַ און ירדן

פריד ווײַנינגער

בײַם פרוט, לא פלאטא און ירדן

לידער און סאָנעטן

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישׂראל
1966

פריד וויינינגער / ביים פרוט, לאַ פלאַטאַ און ירדן
פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

צייכענונגען פון מחבר

BAIM PRUT, LA PLATA UN YARDEN

POEMS

by FREED WEININGER
22, Norwalk Avenue, Buffalo 16, N.Y., U.S.A.

Drawings and self-portrait by the author

©
I. L. PERETZ PUBLISHING HOUSE
31, Allenby St., Tel-Aviv

נדפס בישראל תשכ״ו
Printed in Israel 1966

דפוס לינוטור, רח׳ בני־ברק 20, תל־אביב



ביימער וואָס וואַכן — ביים שיידוועג פון שליאַכן...

(איילבילד, זעלבסט־פּאָרטרעט)

מיין זון יהודי'ן אַ מתנה

*

צווישן פרוט און ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ שטראָמען טייכן און ימען. אָבער איין טייך איז אין ערגעץ ניט פאַרצייכנט: דער טייך פון חלום און בענקשאַפט וואָס האָט מיך דערפירט ביז צו די ברעגן פון ירדן.

ביים פרוט איז דאָס וויגעלע געשטאַנען, און דאָרט איז אַ חלום אויפ־געגאַנגען. ביים האָדסן האָב איך זיך אָפּגעשטעלט, און ווערבע־וואָרצלען איינגעגראָבן אין ערד, וועלכע איז אָפט געווען האַרטער פון בעטאָן און שטאָל. אָבער געלערנט האָב איך דאָרטן... אַז נאָך שווערער אַרבעט, פאַרלירט מען ניט דעם גלויבן אין זיך אַליין.

ביים ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ האָט זיך אויך לוסיאַ, די צאַרטע טאָכטער פון די פּאַמפּאַס, פאַר מיר אַנטפּלעקט, און געוואָרן דער אָמבו־בוים אויפן ווייטן לאַן פון וואַנדער.

צום ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ האָט מיך די אומרו דערפירט, און דאָרט האָט מיך ליבשאַפט פון אַ האַרציקען ישוב אַרומגענומען. פאַרצייכן איך מיין טיפע דאַנקבאַרקייט.

דאָ, ביים ירדן, איז מיר מיין יוגנט נאָך אַמאָל אַנטקעגן געקומען. דאָ האָב איך אין די אַלע וואָס בויען זייער היים נאָך יאָרן פון וואַגל און פּיין, דערקענט זיך אַליין — אין די יאָרן פון אָנהויב; און בתוכם מיינע טשערנאָוויצער און בוקאָווינער חברים און לאַנדסלייט. פיל איך טאָקע, ווי איך וואָלט ערשט אָנגעהויבן פון ס׳ניי, אין טאָג פון יום־טוב, פון באַגעגענען זיך מיט מיין אַמאָל און היינט.

תל אביב, 1965

זיבן צעשויבערטע
ימען

בוקאווינער ערד

פויגל פון דער בוקאָווינע

פויגל, פויגל בוקאָווינער,
ביסט אַוועק פון די קאַרפּאַטן,
פון דיין מאַמען פון דיין טאַטן,
פון דיין מלך און סאָלדאַטן.
דאָ ביסטו אין לאַנד אַ גרינער.

האָסט זיך קוים מיט זיי געזעגנט,
אויסגעוואָגלט פרעמדע וועגן,
ווי אַן אָסיענדיקער רעגן.
דאָ ביסטו אין לאַנד אַ גרינער.

ביסט אַוועק פון דיין מדינה,
פון דער שיינער בוקאָווינע.
צווישן אַלע אַנדערע גרינע,
ביסטו אויך אַדאָ אַ גרינער.

פויגל, פויגל בוקאָווינער,
הייב זיך אויף אויב דו קענסט פליען,
פלי און פלי, און זאָלסט ניט רוען.
ווייי צו דעם וואָס קען ניט פליען.
דאָ ביסטו אין לאַנד אַ גרינער.

נאָר די מורא, מורא, מורא...

צווישן בערג און בערג און בערג,
גרינט די בוקאָווינער ערד.
צווישן טייך און טייך און טייך — —
דערפּער, פעלדער, שוואַרצע ערד.

איבער וועג און וועג און וועג,
אַ הוצול רייט אויף זיין פערד;
הויזן רויטע, באַקן רויטע,
רויטער נאָך אויף שוואַרצער ערד.

רייט אַזוי, אַזוי, אַזוי,
דער הוצול און זאָגט אויף גויאיש
מיר גוט מאָרגן, אַ גוט מאָרגן.
ווי דאָס האַרץ קלאַפּט מיר אויף יידיש.

ער האָט אפשר, אפשר, אפשר,
טאַקע נאָר געמיינט "אַ גוטן",
נאָר די מורא, מורא, מורא,
גיט מיר ניט קיין רו לחלוטין.

און איך פיל, איך פיל, איך פיל,
אַז דאָס פּנים ווערט ווי מילך.
דער הוצול, הוצול, הוצול טוט
אַ צעלאַך זיך מיט אַ הילך.

רייט ער ווייטער, ווייטער, ווייטער,
און די בוקאָווינער ערד,
שלינגט פון ווייטן, ווייטן, ווייטן,
איין דעם גוי און אויך זיין פערד.

דריי רייטער

ערגעץ ווייט אין די קאַרפּאַטן,
אין אַ טאָל פֿון בוקאָווינע,
וווּ אין פּאַסטוכס דוינע־קלאַנגען
שוועבן בערג און וועלדער גרינע;

האָב איך רייטער דריי באַגעגנט.
איינער יונג, און דער אין מיטן
עלטער שוין, דערנאָך אַ זקן, —
זאַלבעדריט אַזוי געריטן.

אויף די פֿערד מיט שטאָלצע גריוועס,
וואָס צעפּלאַטערן די ווינטן,
זיינען זיי גאַלאָפּ געריטן —
אויפגעוואָלקנט שטויב פֿון הינטן.

ס׳האָבן אַזש ביים טייך די ווערבעס
זיך נאָך טיפֿער איינגעבויגן;
אויפֿן באַרג די שלאַנקע סאָסנעס
זיך נאָך העכער אויסגעצויגן.

און אַ מחנה בלויע פֿייגל
זיינען מיט זיי מיטגעפֿלויגן.
איך האָב אָנגעהויבן פֿילן —
ס׳בענקען נאָך זיי מיינע אויגן.

ווען זיי זיינען ווייט געווען שוין,
האָב איך דעמאָלט ערשט פֿאַרשטאַנען:
„אַז אין לעבן פֿון אַ מענטשן
זיינען לעבנס דריי פּאַראַנען״.

ס׳ערשטע — ווי דער יונגער רייטער,
מיט אַ גאָלדענער טשופּרינע,
יאָגט זיך נאָך אַ בלויער בענקשאַפֿט
אינעם טאָל פֿון בוקאָווינע.

און דער עלטערער — דער צווייטער,
וואָס אַנטלויפֿט פֿון זיין מדינה;
חורבן האָט זיין טרוים געשאָכטן,
און צעשטערט זיין בוקאָווינע.

נאָר דער זקן, יענער רייטער
מיט אַ הוילן ווייסן שאַרבן, —
וויזיע, וואָס דערמאָנט צומאָל דיך
אין דער טונקלער שעה פון שטאַרבן.

כ׳האָב אין אַלע דריי געשטאַלטן
זיך דערקענט, און אָנגעהויבן
אין אַן איינזאַם שטילער רגע,
אין מיין וואָגלער־גורל גלויבן.

אַז אין לעבן פון אַ מענטשן
זיינען לעבנס דריי פאַראַנען.
אייביק וועל איך שוין מסתמא
זיך אין יענע דריי דערמאָנען.

בלאָנקעט, וואָגלט אום די בענקשאַפט
צווישן בערג און וועלדער גרינע...
ערגעץ וויים אין די קאַרפּאַטן,
אין אַ טאָל פון בוקאָווינע.

אויף יענעם בארג —
מיין שטאָט.
די ווערבע־פים אין טאָל פון פרוט.
די קוקוויי פון צעצינאַ,
האַרעטשיא, צי פון רעוונא־וואַלד,
ווי איך
האָט קיינמאָל ניט גערוט.
מיין אומרו־קוקוויי
האָט קיינמאָל ניט גערוט, —
און אויך די פאַרשטעט שקצים,
מיט זייערע שווארצע און קודלאַטע הינט,
וואָס פלעגן לעכצן נאָך מיין יידיש בלוט...
זיי האָבן קיינמאָל,
און טאַקע קיינמאָל ניט גערוט.

עס האָבן קיינמאָל ניט גערוט
די וואַנדערער,
ציגיינער אין די לאָנקעס
אויףביידע זייטן פונעם פרוט;
ווען ס׳פלעגט מיט אומרו קלינגען
דער האַמער

אויף רויט-צעגליטן קופּער־קעסל,
און אָנצינדן מיין בלוט.

נאָך פיל איך יענע זונפאַרגאַנגען
אין בלוט;
אויף די פאַרנאַכטן
אין ליכט און שאָטנשפּיל,
וואָס פלעגן זיך באַהאַלטן וויאָלעט און בלוי
אויף יענער זייט פון מיינע אויגן...
און מיטאַמאָל פאַרכישופן
דעם טאָל פון פרוט.

פון ווייטן דאָרף,
אויף יענער זייט פון פרוט,
האָט זיך דערהערט
דער שיקסישער געזאַנג...
פאַרבענקט און שיין
ווי יענע זומערנאַכט;
פלעג איך זיי מוחל זיין, די פאַרשטעט שקצים,
און זייערע שוואַרצע הינט,
וואָס פלעגן לעכצן נאָך מיין רו,
און נאָך מיין יידיש בלוט.

מאַרוסיאַ,
דו שענסטע פון דאָרף!
די זיבן צעשויבערטע ימען
צעשיידן אונדז איצטער
נאָך מער ווי דיין צלם,
נאָך מער ווי מיין יידישער נאָמען.
אַמאָל פלעגט דער פרוט
אונדז וואַשן
די באָדוועסע פיס;
און אין די פאַרנאַכטיקע לאָנקעס
פלעגסטו זיך באַהאַלטן...
פלעגסט רייצן דיין מאַשקו,
ווייל איך האָב שוין דעמאָלט פאַרמאָגט
אין מויל
אַן אמתן גאָלדענעם צאָן.
"דאַוואַי" — פלעגסטו זאָגן.
טו גיב׳זשע מיר מאַשקו
דיין גאָלדענעם צאָן...

דערנאָך מעגסטו טון,
וואָס אַנדערע האָבן אין דאָרף
שוין פאַר דיר געטאָן.
מאַרוסיאַ,
די זיבן צעשויבערטע ימען
צעשיידן אונדז איצטער
נאָך מער ווי דיין צלם,
נאָך מער ווי מיין יידישער נאָמען;
די צייט וועט שוין באַלד ניט געדענקען
די שפור
פונעם גאָלדענעם צאָן.

דער טשערנאָוויצער באַרג
וואָס דראַפּעט זיך אַרויף פון פּרוט
צום העכסטן קלויסטערשפּיץ,
דערמאָנט דיך אין אַן אָרעמאַן
וואָס חלומט פון אַ קרוין;
די פּאָלעס פונעם קאַפּטן,
— אין בלאָטעס פון די פאַרשטעט,
נאָר אויפן קאָפּ טראָגט ער
אַ קאַפּעלוש... אַן איינראָפּעיִשן פון סאַמעט,
ווי אַן אמתער פאַרשוין.

דער וואָלעך האָט געפּרוּווט ניט איינמאָל
דעם באַרג, דעם יידישן,
זיין שוואַרצע קוטשמע אָנטון;
און אויך געסטראַשעט מיט דער האַק,
מיט שקצים פון באָיאַן.
דער טשערנאָוויצער באַרג
האָט זיך געדראַפּעט העכער צו דער זון,
און אים אַרויסגעשטעלט אַ פייג...
ווייל וואָס דו זאָלסט ניט טראַכטן,
ער איז אַ שטאָלצער אָרעמאַן.

צומאַל זעט אוים דער באַרג
אין ליכט פֿון אָוונט ווי אַ ייד,
אַן איינגעבויגענער. צי גאָר אַ הויקער,
וואָס שפּאַנט אַרום פֿון דאָרף צו דאָרף.
אין בלויע לאַנקעס דאָרט אין טאָל.
דער טשערנאָוויצער באַרג
שטייט אינעם ליכט פֿאַרשיכורט
בעת גויים שיכורן ווי לוט אין שענק,
און פֿאַרשטעט־הינט צעבילן זיך
אויף קולות מיטאַמאָל.

דאָס זייטיקע געסל
וואָס ליגט ווי אין הקדש פאַרוואָרפן,
און פירט דיך אַראָפּ
צו די ברעגן פון פּרוט...
ניט ווילנדיק האָט עס פאַרשלונגען
דעם אַלטן בית־עולם
וואָס פוסטעוועט דאָרטן...
פאַרקלאַפּט מיט שטאַכעטן,
מיט חרובע ברעטער;
ווו שטיין לעבן שטיין
שטאַרצט אַרויס פונעם מאָך
שטאַרצט אַרויס פונעם ווילדגראָז,
שטאַרצט אַרויס פון די שוואָמען;
ווו איינער אַ ייד אַ פאַרגעסענער רוט,
דערנעבן אַ צווייטער
וואָס האָט שוין פון לאַנג ניט קיין נאָמען.
דאָרט צווישן דער קראָפּעווע
צעבליט זיך אַזוי ווי אַ בלימל —
אַ קליינע מצבה אַ בידנע:
מסתם ליגט אַ קינד דאָרט באַגראָבן.
די אותיות שווייגן,
און ס׳שווייגט אויך די צייט.
דער אומעט וועט דאָ מער
קיין רו ניט געפינען,
וועט קיינמאָל
קיין מקום מנוחה ניט האָבן.

ניט ווייט פונעם געסל
וואָס טוליעט צו זיך נאָך
דעם אַלטן בית עולם
ווערט אַלץ אַזוי לעבעדיק פּלוצעם,
ווען שטערן צעבליען
זיך שפּעטער אין הימל.
פון זייטיקע געסלעך
וואָס קריכן אין שכנות
אין שטויבן אַרום און אין שימל,
באַווייזן זיך זונות,
מאַציאַרניקעס, זעלנער;
ס׳באַווייזט זיך צומאָל אויך אַ יידישער בחור —
אַ שעמעוודיק יינגל,
וואָס ווערט דאָרט פאַרלוירן
אין קעלערס און הויפן;
און יעדערער זינקט
אויף זיין אייגענעם אופן.

— — — — — — — — — — — —

אַזוי ווי די נאַכט פון ניט גוטע
ווערט מיטאַמאָל נעלם
ביים קריי פונעם האָן אויפן פּלויט,
אַזוי ווערט דאָס זייטיקע געסל
אַנטשוויגן אין דעמער פון מאָרגן.
די הייזלעך ווי שאַרבנס
מיט חרובע אויגן...

די ווינקלען און קעלערס,
דער אָפּגרונט, דער זומפּ,
ווערן ווידער פאַרגליווערט,
און אַלץ לעבן אַלטן בית עולם,
די שטיינער, די ברעטער,
דער שטויב און דער מאָך,
שטאַרצן פּוסטער אַרויס.
אַפילו אַ הויך ווערט פאַרגליווערט.
דער הימל איז שטיל.
דער אַלטער בית עולם
אין זייטיקן געסל,
פאַרקלאַפּט מיט שטאַכעטן
פון חרובע ברעטער,
ניט ווייט פונעם הקדש...
דער איינציקער גאָרטן
פון טרויער און אומעט,
זינקט איין אינעם מאָך פון די יאָרן...
און פּוסטעוועט דאָרטן.

אמעריקאנא

DALLAS, TEXAS, U.S.A.
צוויי און צוואַנציקסטער נאָוועמבער,
ניינצן הונדערט דריי און זעכציק — —
ווערטער צוועלף
ווערטער טריפנדיק מיט וווּנד און וויי.
האַרבסטיק שטייט דער בוים,
ס׳אומעטיקט דער וואַלד.
גאָט, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט?
גאָט, וואָס האָסטו אונדז געשטראָפט?
גאָט, וואָס האָסטו אונדזער טרוים
אָפּגעריסן פונעם בוים.

קומען וועט אַמאָל אַ צייט,
און מען וועט דעם טאָג גערעדנקען —
יענעם שוואַרצן טאָג
אין DALLAS, TEXAS, U.S.A.
ווי אַ טאָג אין דער געשיכטע.
אָבער ניט דעם טרויער,
ניט דעם פּחד,
ניט די טיפע וווּנד און וויי.

די האַרבסטן אין ניו־אינגלענד

די האַרבסטן אין ניו־אינגלענד,
מיט לעצטן רויט
וואָס פלאַקערט אויף
ווי פאַרן שטאַרבן
אויף ווייסקייט פון אַ שווינדזיכטיקן פּנים, — — —
דערמאָנען זיי דיך ניט — —
אין יענער צייט,
אין יענעם לאַנד — —
ווו האַרבסטן קומען גיך שוין אין סעפּטעמבער,
ווו דו פלעגסט גיין
אַ שווייגנדיקער אינעם וואַלד,
און קלויבן דאָרט צונויף
די איינזאַמקייטן דיינע — —
ווי צווייגן טרוקענע, צי שטיקלעך האָלץ,
און זיי דערנאָך ביי דיר אין הויף
פאַר ווייסע ווינטערטעג צעהאַקן?
צי אין אַ מענטש
וואָס איז דיר ליב געווען,
וואָס איז פאַרבלייבט געוואָרן,
איז אַזוי ווייט?

דערזעסטו ניט אַ טראָפּן בלוט
פון יענער צייט,
אויף יעדן בלעטל;
צי ס׳טריפט מיט רויט,
צי ס׳טריפט מיט ווילדן געל,
צי ס׳שטאַרבט מיט אָראַנזש-ברוין,
אַזוי ווי דאָ
פון די צעפלאַמטע און באַקרוינטע ביימער,
אויף שליאַכן פון ניו-אינגלענד?

פון יענער זייט טייך קומען פראָסטיקע טעג —
פאַרוואָלקנטע פייגל פון צפון צו פליען.
נאָוועמבער. ס׳פאַרשפּעטיקט דיין בליק אין דער צייט
די איינזאַמע אויגן פון שטאָט צו צעגליען.

נאָר אויטאָמאָבילן אַהין און אַהער
ווי שאָטנס, צי שוואַרצע וואָראָנעס אויף פעלדער.
און דו שפּאַנסט אַרום ווי אַ פרעמדער אין מיט —
אַ גייסט פון אַמאָל צווישן שטיינערנע וועלדער.

זאָל דוכטן זיך דיר איצט — די שטאָט איז אַ דאָרף,
דו פירסט אין די לאָנקעס ווי שאָף און ווי ציגן
די שאָטנס די איינזאַמע פון דיין אַרום,
און פייפסט פאַר דער טשערעדע כלומרשט אַ ניגון.

אויף יענער זייט טייך פאַלט אַלץ גיכער דער טאָג.
די זון וועט באַלד גיכער און גיכער פאַרגיין.
און דו אין דעם שפּעטהארבסט — שטייסט דאָ ביים ברעג,
ווייל באַלד וועט די ווינטהאַנט די שפּורן פאַרווייען.

אַ פויגל שוועבט אין ליד און טרעלן הויך.
מיט פלאַטער הענגט אַ מיידל אויס אויף שטריק
די וועש, און זאַפּט די זון אַריין אין בליק.
אַ רויטער קאָטער וואַרעמט זיך דעם בויך

ביים שוועל פון טיר, אין הויף, און פּרוקעט אויך.
די גרינע פליג וואָס זשומעט הין און קריק,
אַפילו זי געפינט אַ רגע גליק.
ס'איז מילד דער טאָג, ווי אין אַ בלויען רויך

דערציטערט אַלצדינג ריטמיש אין דער ווייט.
מיט שפּיגלען פאַנגען קינדער אויף די זון — —
און אונטער ביימער זיצן אַלטע לייט,

און קוקן צו ווי ס'יונגוואַרג הוליעט.
אַ שמעטערלינג האָט זיך אַ ריר געטון,
און ווידער זיך צום בלימל צוגעטוליעט.

CRANBROOK VILLAGE

אין אָפּגרונטן פון באַרג,
טיף איינגעבעט,
פאַרבאָרגן וואַרט אויף דיר —
אַן איידלשטיין,
זינט אָנהויב פון דער צייט,
זינט אָנהויב גאָט...
אַ גליווער ליכט —
אַ טראָפּן העל און ריין.
דער רעגנבויגן איז אַראָפּ,
געשפיגלט זיך,
באַהאַלטן אין אַ קוואַל
דאָס ליכט און זיינע פאַרבן,
געבענקט
עס זאָל פאַרגליווערט ווערן
ווי אָפּאַל.
אין טיפעניש
פון גרויסשטאָט לאַבירינט,
ווירוואַר פון טורעם, רעלס
און אייזנפלויט, —
אין שטאָל,
גראַניט,
און דזשונגל פּאָרד,
געפין דאָס האַרץ
אין פעלדז
און אייזערנעם דעטרויט.

אַ ווּנדערלעכע רגע פֿון דערגייִן,
פֿון אויסטאָן וואָר
און זייִן געוואַנט פֿון עול.
אַ "קרענבּרוק ווילעדזש",
דימענט טיף אין שטייִן,
געזאַנג פֿון דעם אָלימפּ —
אין וואַלד פֿון שטאָל.

1958

ווי פרעמד עס איז צו זען אַמאָל אַ פערד,
וואָס שלעפּט אַ וואָגן אין אַ גרויסער שטאָט...
אַדאָ ווי ס׳יאָגט די וועלט און בליצט פאַרביי — —
ווי מאָדנע פרעמד עס שפּאַנט זיך טראָט נאָך טראָט.

ער ווייסט שוין פון אַליין צו בלייבן שטיין,
און ווען מען דאַרף דעם וואָגן ווייטער שלעפּן;
ווי טיף געבויגן פאַלט אַראָפּ דער קאָפּ
פון איינגעשפּאַנטן קיניג פון די סטעפּן.

אָ, ווער איז איינזאַמער אַדאָ אין שטאָט?
ווער ס׳אָטעמט פעלד — דער בענקט דער זון אַנטקעגן.
אַ פערד שלעפּט שטיל זיין יאָך, זיין שטומען צער,
און לייגט דעם טרויער אוים אויף אַלע וועגן.

און ווען סע פאַלט נאָך אויסגעשעפּטן כוח,
ווי ס׳איז דאָ היינט אין גאַס אַ פערד געפאַלן,
פאַרלוירן, אויסגעמאַטערט, אָבער שטאָלץ — —
אַ קיניג, כאָטש אַ קנעכט אין דיינע שטאַלן...

צי ווייסטו גלויבן, אַז עס טריפֿט זיין ווּנד
פֿון בליק, וואָס ליידט אין שווייגן, ניט פֿון אבר?!
איצט ליגט עס דאָ און וואַרט אויף לעצטן חסד...
צוויי אויגן בעטן זיך נאָך רו און קבר.

און מיטאַמאָל איז אַלץ ווי טרוים פֿאַרביי.
עס וועט דאָס בילד באַלד אויך פֿאַרגעסן ווערן,
ווי גאָרניט וואָלט געשען. נאָר דו אַליין
בלייבסט שטיין, און ווילסט זיין שטומע תּפֿילה הערן.

פֿאַרלאָזט אין מיט פֿון רווישנדיקער גאַס,
ליגט אויסגעשטרעקט דער קיניג פֿון די סטעפּן.
און וואַרט ער זאָל צום לעצטן מאָל,
דעם שוואַרצן וואָגן צו זיין רו דערשלעפּן.

אומזיכטבאַרע האַנט

די צייטן בייטן זיך
נאָך איידער ס׳האָט די צייט
צייט צו פאַרדייען דעם בייט.
נאָר דאָס געמיט דיינס שפּאַנט
נאָך אַלץ פאַמעלעך
און שטילערהייט,
און ווי אַ פרעמדער קוקט
עס זיך אַרום
ווי יעדער ווינקל פיבערט שטום,
ווי יעדע וואַנט
פון אַלטן קאָלאָניאַלן הויז
צאַנקט ווי אַ שאָטן אויס.
דערנעבן וואַקסן
ווי שוואָמען נייע ווענט
פון שטאָל פון גלאָז
און פון צעמענט.

און אומעטום פילסטו
די אומזיכטבאַרע האַנט
וואָס רוקט די ווייזערס גיכער,
און גיכער,
אַלץ גיכער פונעם גרויסן
אוראַלטן זייגער.
נאָר דאָס געמיט דיינס שפּאַנט
נאָך אַלץ פּאַמעלעך
און שטילערהייט,
בעת עלעקטראָניש בליצט די צייט אַדורך...
אַ רגע אומעטס,
אַ רינג בלויז אין דער קייט
פון אייביקייט.

PARKING LOT

די ערד
ליגט אויפגעריסן גרוי און געל.
פון הויז איז בלויז געבליבן
אַ שטיקל וואַנט,
אַ סימן פון אַ פענצטער,
צוויי טרעפּלעך פון אַ שוועל.
דאָ אין מיטן
פון ברוכוואַרג —
צעשפּליטערט האָלץ
פאַרזשאַווערט אייזן,
און גלאָז אָן גלאַנץ אָן אויגן —
דאָ ווו ס׳קרישלען זיך
צו רויטן שטויב די ציגל...
באַווייזט זיך מיטאַמאָל
אַ חלום-בילד, אַ וויגל
און אַ געשטאַלט —
אַ מאַמע,
ווי אין דער הויך
אַ רעגנבויגן.

דאָ אין מיטן
פון ברוכוואַרג,
צעבויגן בלעך,
פאַרבלייכטע פאַרב...
אַ בילד אַן ליכט אָן שאָטן,
דאָ ווו אַפילו שטויב
וועט ווערן אויפגעשפּאָלטן...
דוכט זיך אַז ס׳שוועבן דורך
פאַר דיר געשטאַלטן,
נאָר זייערע שפּינוועב-קליידער בלייבן הענגען
צעריסענע אויף דראָטן.

ס׳איז שטיל,
ס׳איז זונטיק היינט.
די קויל
די ריזיקע פון שטאָל
אויף לאַנגער קייט,
וואָס האַלט דעם וואַנט-צעברעכער,
הענגט שלאָף אַראָפּ און רירט זיך ניט.

דער טראַקטאָר שטייט אַדאָ פֿאַרלאָזן,
די גלעקער קלינגען
ערגעץ אין אַ קלויסטער.
אַ זיסע פֿוילקייט טריפֿט
אַראָפּ פֿון דעכער...
דאָ אין מיטן
פֿון ברוכוואַרג,
פֿון קאַלעך־שטויב,
פֿון ערד און ליים,
דערפֿילסטו מיטאַמאָל
ביסט נע־ונד...

אַ שילד דערנעבן שטאַרצט דיך אָן,
אַדאָ וועט זיין
אַ "PARKING LOT".

צומאָל דוכט זיך,
אַז פון עק וועלט
ביז צו דעם ווייטסטן ברעג
פון איינעם פון די ימען,
איז קורצער נאָך דער וועג —
ווי צו דיין נאָענטסטן שכן.
ער זאָגט "העלאָ" דיר יעדן טאָג,
נאָר נעלם ווערט ער מיטאַמאָל,
ווייל ער ציט דו,
און אפשר ביידע האָבן מורא,
מען וועט דאָס ליכט
פון טאָג פאַרזאַמען.

צוויי לידער

פון ראָבערט פראָסט

(איבערזעצונגען)

געבליבן שטיין ביים וואַלד
אין אַ שנייאיקן אָוונט

אַ וועמעס וואַלד עס איז, איך קלער
איך ווייס. ער וווינט אין דאָרף, נאָר דער
וועט מיך ניט זען ווי כ׳שטיי, באַטראַכט
ווי יעדער בוים פאַרשנייט אַלץ מער.

מיין פערדל טראַכט ס׳איז מאָדנע גאָר
צו שטיין וווּ ס׳איז קיין הויז ניטאָ,
נאָר פראָסט־באַדעקטער טייך און וואַלד
אין אָוונט טונקלסטן פון יאָר.

ער טרייסלט פלוצעם זיין געשפאַן
צי ס׳איז קיין טעות ניט פאַראַן.
עס הערט זיך אויך ווי ס׳יאָגט דער ווינט
מיט פוכיקן שניי וואָס הילט דיך איין.

דער וואַלד איז טונקל טיף און שיין,
נאָר איך דאַרף האַלטן וואָרט אַליין,
און צו מיין רו נאָך מייל גיין,
און צו מיין רו נאָך מייל גיין.

דער ים צעשפּאָלטן, האָט אַ שפּריץ געטאָן.
געזען האָט וואָל ווי וואָלן קומען אָן,
און האָט דעם ברעג עפּעס צו טון געטראַכט
וואָס קיין שום ים האָט נאָך דער ערד געבראַכט.
די וואָלקן אינעם הימל נידעריק,
ווי לאָקן האָר פאַרשטעלנדיק דעם בליק.
געווען איז מאָדנע, דאָך האָט אויסגעזען,
אַ בליק, — וואָס לעבן ברעג איז פעלדז געווען,
און אַז דעם פעלדז האַלט אויף דער קאָנטינענט;
ס'האָט זיך געדאַכט די נאַכט מיט טונקלע הענט
קומט אָן, און ניט נאָר נאַכט, אָן אייביקייט.
זאָל עמעץ זיין כאָטש פאַרן שטורעם גרייט.
חוץ ים־גערויש געשען מוז עפּעס גרויס,
נאָך איידער גאָט זאָגט לעש די ליכטער אויס.

אויף די פארזשאווערטע אנדן

אומרו צווישן פּרוט
און ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ

פון פּרוט און ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ,
צעשטערן גרענעצן די וואַנדערוועגן —
וואָס פירן צו אַ ווייטן ברעג,
און צו גרענעצלאָזן ים
וואָס האַלט פאַר אַלעמען
דעם כוואַליעדיקן טויער אָפן.

און ווען דו שפּאַנסט שוין יאָ אַריבער
דעם שטח ערד
וואָס שיידט דיך אָפּ פון אַלעמען
אויף יענער זייט אין ערגעץ־ווו...
ערשט דעמאָלט בלייבסטו היימלאָז,
ווי אַמאָל ביים פּרוט... אויך דאָ ביים ברעג
פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ.

ווי אַנדערש איז דער ים!
ווי שיפן שווימען דיינע בליקן
צו ברעגן צו און אויסטערלישע שטעט.
און דו ווי אַן איינזאַמער מאַטראָז
בלייבסט נאָר אויף רגעם שטיין,
און בינדסט די שטריקן פון דיין חלום
צו יענע האַפן־סלופּעס צו.

דו שפּאַנסט די טרעפּ אַראָפּ,
און דו באַטרעטסט דאָס נייע לאַנד, —
נאָר ווידער בלייבסטו פרעמד און היימלאָז...
דער וויין אין שענק שמעקט ביטער,
און די וואָס האָט דיך ערשט אַריינגערופן
מיט ווילדע פיבערדיקע אויגן,
שטייט מיטאַמאָל פאַר דיר —
אַ נאַקעטער סקעלעט.

פון פרוט ביז ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ,
צעשפּרייט די אומרו זיך אויף ים און ערד.
די ווערבעס אין דער אַלטער היים,
די פּאַלמעס ערגעץ־ווו אין דרום,
זיי גייען אויף און וויגן זיך פאַר די
וואָס חלומען אין זייער רו און שאָטן.

דו אָבער חברסט זיך מיט יענעם בוים,
וואָס שטייט שוין חרוב דאָ מיט טויטע צווייגן,
און וואָרצלען אויסגעטרוקנטע
אַנטקעגן ליכט פון צאַנקענדיקער זון
אין ערגעץ־לאַנד —
מיין לאַנד פון פרוט ביז ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ.

דער קאָנדאָר

אויף די פאַרזשאַווערטע אַנדן
חלומט דער אייביקער שניי.
איבער די הימלען, נאָך העכער,
פליגל... און ריזיקע צוויי.
קאָנדאָר, דער האַר פון די הייכן
ליגט איצט די זון ווי אַן איי.

פּאַלט עס דאָס זון־איי און שפּאַלט זיך
איבער דעם פעלדזיקן שטיין —
איז ווערט פון שוימיקן ווייסל, —
גליווערט קרישטאָלריין און שיין.
ערגעץ ביים ראַנד פאַלט דאָס געלע —
רויט ווערט די זון דאָרט פאַרגיין.

פליט ער אין דעמער פון אָוונט —
זעסטו עס שפּרייט זיך אַ בריק
טונקל אַריבער די אַנדן,
קרייזנדיק הין און צוריק.
באַרג און אומענדלעכער אָפּגרונט
שפּיגלען די נאַכט אין זיין בליק.

טשילע, 1951

פון דיר וועל איך חלומען פּאַמפּאַ,
און בענקען נאָך אייך קאָרדיליערן...
אָ וואַנדער־באַגלייטערס געטרייע!
פאַר אייך קען איך נייגן מיין שטערן,
אַפילו אין אומעט פון אָפּשייד,
און איר וועט מיך תמיד דערהערן.

איך שטיי איצט פאַר אייך, און געזעגן
זיך שטיל. ווי ס'איז שווער צו פאַרלאָזן
די אייביקע רגע פון פרידן
וואָס זילבערט אויף פעלדזן און גראָזן.
ווי גיך עס פאַרגעסט דיך די שטאָט.
אָבער דאָ וועלן ווינטן צעבלאָזן

דאָס ליד אין אומענדלעכער פּאַמפּאַ,
און וועלן מיך תמיד געדענקען.
פון באַרג אַקאָנקאַגואַ אין הימל,
אַראָפּ אין די טאָלן וועט שווענקען
דער קוואַל פון די אייביקע שנייען —
נאָר איך וועל שוין ווייט זיין — און בענקען.

אַמבו

סאַראַ נס אין ווייטער פּאַמפּאַ.
זאָל דאָס זיין אַ בוים —
דאָ אין שאָטנלאָזער פּאַמפּאַ
ווו עס רעגנט קוים?

ביים אַמבו־בוים אין דער פּאַמפּאַ,
בלייבט אַ גאַוטשאָ שטיין,
און ער צלמט זיך אין תּפילה
ווי פאַר גאָט אַליין.

אין זיין שוויים איז ער געריטן,
און זיין פערד — אין שוים.
אָבער דאָ אין מיט פון פּאַמפּאַ
גרינט אַ וווּנדערבוים.

שפּרינגט ער פֿונעם פֿערד און זאָטל,
און דער שפּאָרנקלאַנג —
ציטערט אויף אין ווייטער פּאַמפּאַ
אין אַ דין געזאַנג.

ווי אין כּישוף — אונטער צווייגן
פֿונעם פּאַמפּאַ־בוים,
חלומט זיך אַריין אַ רייטער
אין זיין רו און טרוים.

אָן אויפהער רוישט דער ים

אין אירע אייגענע צעפלאַמטע שטראַלן,
ווי אין אַ פישערנעץ פון גאָלד געפאַנגען,
גייט אוים די זון אין אָונטערויט-פאַרגאַנגען.
אויך דאָ וועט באַלד אַ טאָג פון הימל פאַלן,

אַהין אין טיפן אָפּגרונט פון קאָראַלן.
אָן אויפהער רוישט דער ים זיך אוים אין קלאַנגען,
פאַרשווענקט דעם ברעג און שפּאַלט זיך אין געזאַנגען,
אויף פעלדזן-שטיין אין פורפור וואַסער-שטראַלן.

עס גרייטן שוין די נעץ די פישער-יונגען,
און צינדן ווי לאַמטערנעס פון פאַרנאַכט
די בליקן אָן, און זאַפּן אין די לונגען

דעם פרישן בריז איין וואָס האָט מוט געבראַכט.
ס׳האָט אויך אין מיר אַ ים זיך איצט צעזונגען,
ווי יעדע כוואַליע וואָלט אין דיר געטראַכט.

סאַנטאָס (בראַזיל), 1951

RUA ITABOCA

ס׳איז נאַכט. און ריטמיש וויגט זיך יעדער פעכער
פון פּאַלמע, ווי אַ נעגער־פרוי ביים טאַנץ —
וואָס וויגט איר שלאַנקן גוף, און שענקט זיך גאַנץ
דער פינצטערניש אַוועק. פון אַלע דעכער

טריפט טונקלער נאָך דער סוד; און פון די לעכער,
פון הויז און ווינקל קריכט מיט פאַלשן גלאַנץ
די נויט אַרויס און פלעכט אַ דערנער־קראַנץ
פאַר די וואָס זינקען: זונה און פאַרברעכער.

די נאַכט איז הייס. דאָס בלוט איז אָבער הייסער.
עס הענגט לבנה ווי אַ קרומער מעסער —
ווי ס׳וואָלט געלויערט דאָרטן ווער פון אויבן.

צומאָל באַווייזט אַ בילד זיך אין די שויבן,
עס שאָטנט זיך אַ מענטש אַריין אין טויער;
און אומעטום שטייט עמעץ אויף דער לויער.

סאַן פּאַולאָ, 1951

אַ נעגער

די זון צוקאַפּנס גליט, און צוגעדעקט
מיט אירע הייסע שטראַלן, ליגט אַ נעגער
ביים ראַנד פון וועג — זיין היים און זיין געלעגער — —
און חלומט זיך מסתמא אויסגעשטרעקט.

אַזוי אַריין אין אייביקייט; "דאָס מעג ער".
אַ מאַדנע קול אין מאָגן אָבער וועקט
אים אויף צומאָל, און וואָרנט אים און שרעקט:
"דער סוף לייענט קיינמאָל ניט די צייט פון זייגער".

פון אַפריקע ביז ערגעץ אין בראַזיל — — —
אַ בלויער ים — און דורות שקלאַפעריי.
אַדאָ אין שטאָט איז שוין זיין דזשונגל שטיל.

איצט ליגט ביים ראַנד פון וועג אַ נעגער פריי.
וואָלט נאָר דער הונגער ניט אין שאָטן-שפּיל,
אַנטפלעקט פאַר אים זיין טונקלען יאָך פון ס'ניי.

ערגעץ אין בראַזיל

ווידער שוין דאָס האַרץ אין רענצל.
זיך געזעגנט שטיל.
ס׳רופט אַ וועלט אַן אומבאַקאַנטע,
ערגעץ אין בראַזיל.

דיך אַליין אַצינד צו לאָזן,
פרעג ניט צי איך וויל — —
זוכן וועל איך רו פאַר ביידע,
ערגעץ אין בראַזיל.

ווייסטו ניט אַז אונדזער גורל,
איז אַליין שוין, ציל?!
אומעטום דיין ליכט פאַרזייען,
ערגעץ אין בראַזיל.

אין אומענדלעכקייט פון בענקשאַפט,
רויט ווי בוגאַנוויל,
וועלן אויפגיין קוסט און פּאַלמע,
ערגעץ אין בראַזיל.

רופן וועט דער אורוואַלד־פויגל,
יעדע בין און גריל,
דיך געליבטע ווי אין חלום,
ערגעץ אין בראַזיל.

ווער האָט מורא פאַר דער חיה,
שלאַנג צי קראָקאָדיל,
אַז געזאַלבט פון דיר ווערט אַלצדינג,
ליבע, אין בראַזיל.

טיטיקאַקאַ אָזערע

אַ טיטיקאַקאַ! סוד פון אַלטיפּלאַן!
געהייליקט פאַר די אינקאַס, — — אייביק בלוי,
און לויטער ווי אַן אָזערע פון טוי
ביים הימלראַנד. מיט לייכטקייט, ווי א שוואַן

שווימט אויף דיין בליק אַ שיפעלע פון שטרוי — —
די "באַלסאַ" פון דעם אינדיאַ־פישערמאַן.
ער וואַרפט די נעץ — — ס׳איז פרייד און פריד פאַראַן
אין האַרץ ביי דעם, וואָס לעבט און שטאַרבט אַזוי.

אַ טיטיקאַקאַ אָזערע! אַ וווּנדער!
איך שטיי, מיר דאַכט אומענדלעך שוין ביים ברעג,
און זאַפּ דיך איין מיט יעדן חוש באַזונדער, —

ביז ווען די זון ווייזט מיר דעם וועג,
ווערט רויטער אַלץ, ווי פּורפּורנער אַלעאַנדער,
און שפּיגלט זיך אין דעמער פון די טעג.

באָליוויע, 1950

זיין בליק דערציילט יאָרהונדערטער פון פּיין —
און וועט נאָך דורות לאַנג דיך ווייסן מאָן
מיט מורא און מיט חשד — ווי דעם טיראַן
וואָס איז אין אורוואַלד־וועלט צו אים אַריין —

באַגעגענען. אויב דזשונגל־וואַלד קאָן זיין
אומענדלעך איז אין זיינע אויגן דאָן
אַ טיפערע אומענדלעכקייט פאַראַן.
צי זעסטו פון דעם סוד אַ מינדסטן שיין?

דו טראַכסט: „אַ דיכטער בויט נאָר חלום־שלעסער
וואָס הענגען אין דער לופט ווי אויף אַ צווייג;
אַז פאַר דעם אינדיאַ זענען דיינע קייטן בעסער".

דו זעסט אים ווילד — נאָר מיט אַ פייל און בויגן;
איך זע אים ווי אַ פויגל אין אַ שטייג,
און מיט אַ טיפער וווּנד אין זיינע אויגן.

עס שווידערט, נאָר דו טרינקסט מיט זיי דעם טרונק, —
ווייל ערגעץ לויערט ווי דער פייל און בויגן.
דער אורוואַלד היט דיך איצט מיט טויזנט אויגן,
און דו האָסט מורא, ניט אין זיי אַ פונק

צו צינדן. ס׳איז אַ פויגל דורכגעפלויגן,
און רופט דיר צו דעם דזשונגלס וואָרענונג.
דו נעמסט די כלי און באַנעצסט די צונג
מיט "טשיטשאַ"... ס׳היטן דיך דעם ווילדוואַלדס אויגן.

נאָר ווי דו זופסט דעם ברודיקן געטראַנק
און גלויבסט שוין אַז סע קומט די לעצטע שעה —
אַז באַלד ווערסטו מסתם אין פיבער קראַנק

און איינזאַם צווישן ווילדע שטאַרבן דאָ, —
אַ סאַראַ וווּנדער איז מיט דיר געשען,
אַ ווײַלע ביסטו אורוואַלד אויך געווען.

(צווישן כיוואַראָס אין עקוואַדאָרישן אורוואַלד) 1950

טעג פון קאַרנאַוואַל

דער בולוואַר דערקענט דיך ניט.
ער שפּיגלט זיך אין ליכטער־קוואַל,
און וויגט אין שיכּרות־ריטם זיך, —
איז איינגעהילט אין קאַרנאַוואַל.

עס שטורעמט אויף ווי אַן אָקעאַן,
אין כוואַליעס שטראָמט המון אין גאַס.
נאָר דו פאַרשטייסט אַפילו ניט
וואָס איז דער זין פון משוגעת.

בלייבסט שטיין און זאָגסט צו זיך אַליין:
ווי ווייט דו ביסט אַוועק פון קוואַל.
עס רופט דער דזשונגל נאָך אין זיי,
און רוישט אַצינד אין קאַרנאַוואַל.

דו קוקסט צו זיך אַריין אין האַרץ,
און זוכסט אַן ענטפער אויפן סוד, —
פאַרוואָס דו ביסט ניט אויך אַצינד
אַ טייל פון זיי, פון קאַראַהאַד.

דאָ ווייזט דער מענטש זיין אורגעשטאַלט — —
אַ חיה גרייט צום איבערפאַל.
און דאָ אַנטפּלעקט ער זיך אַ קינד,
אָן זאָרג, — — אין טעג פון קאַרנאַוואַל.

איז וואָס-זשע אַז דער אורוואַלד לעבט,
און ווייזט אים נאַקעט איצט און גאַנץ?
צי זאָלסטו ניט מקנא זיין
דעם מענטש וואָס רופט דיך אויך צום טאַנץ?

דאָס איז די נאַכט פאַר אַלעמען.
די גאַס — — איין יום-טובדיקער זאַל.
נאָר דו דער איינזאַמסטער אַדאָ,
געפינסט קיין אָרט אין קאַרנאַוואַל.

אַנטלויפסטו ווי פון זיך אַליין,
און ציטערסט פאַר דיין אייגן וואָרט,
די תפילה וואָס דו שטאַמלסט אויס,
פאַרלירט זיך ווי אין מדבר דאָרט.

דער בוים האָט דאָ זיין צווייט אַנטפּלעקט

(בלומען אויף משה דוד גיסער׳ס האַרבסטיקן קבר)

דער בוים האָט דאָ זיין צווייט אַנטפּלעקט.
ס׳איז פרילינג. — — נאָר דאָרט אין דרום
האָט משה דוד זיך אין האַרבסט אַריין־געטראַכט,
און מיד אַראָפּגעלאָזט זיין אָרעם,

ווי ר׳וואָלט אַזוי נאָך שטיל דערזאָגט
אין טונקלקייט פון יענער רגע:
״דעם דיכטער׳ס וועג איז שוין אַזוי...
זאָל גרינג כאָטש זיין מיין לעצט געלעגער״.

אַ תפילה אויף די ליפּן צאַנקט
און פלוצעם ווערט זיין בליק פאַרריגלט
פאַר די וואָס פרוּוון נאָך אַריין.
דער טויט האָט אַלצדינג שוין פאַרזיגלט.

נאָר איך אין ווייטן צפון־לאַנד, — —
קען ניט פאַרשטיין דעם סוד פון שטאַרבן;
אַז פרילינג קומט, ווערט ערגעץ האַרבסט
און ס׳לעשן זיך די וווּנדער־פאַרבן.

דער בוים האָט דאָ זיין צווייט אַנטפּלעקט,
נאָר אַסיען איז אַצינד אין דרום.
ס׳האָט משה דוד זיך אין אים אַריין־געטראַכט,
און מיד אַראָפּגעלאָזט זיין אָרעם.

1952

קאסנישער טוריסט
אין לבנה־קאץ־לאנד

פון יענער זייט דעצעמבער־אַוונטהייל,
ווען כסלו הייליקט איינע פון די וואָכן,
איז מיין לבנה־קאַץ אַרויס־געקראָכן
פון פינצטערן תהומדיקסטן טייל...

און אָנגעגאָסן שטערנדלעך מיט אייל...
אומצייליקע מנורהס... נאָך און נאָכן...
און האָט דער נאַכט די אויגן אויסגעשטאָכן.
געבעטן האָב איך זי, פון נס דערצייל!

האָט זיך צעוויגט דער הימל, און דאָס קריגל
מיט לויטערן ליכט האָט גאָר באַקומען פליגל.
און ס'האָט די שטומע נאַכט גענומען זשומען...

לבנה־קאַץ האָט לשון גאָר באַקומען.
די יידענעס פון מילך־געסל זיינען
צום רב געלאָפן וועגן נס צו שיינען.

זיי מוחל מיר לבנה־קאַץ, ראַקעטן
דורכלעכערן דעם רוים פון דיינע רוימען, —
פאַרטרייבן פון דיין שוועל די רו, — פון קוימען
דערווייטערן זיך די גרילן, די פּאָעטן.

זיי מוחל מיר, וואָס כ׳קאָן די מאַכט ניט צוימען
פון יענע פרעמדע — קינסטלעכע קאָמעטן,
וואָס בויערן די הימלישע העט־העטן.
ווי איינזאַם בלייבט מען אינעם לאַנד פון טרוימען.

ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט דעם גולם נעמען,
דיין העלן עק אין קלאָרער נאַכט דערגרייכן.
ווער ווייס ווי לאַנג איך וועל נאָך קענען קעמען

די זילבערדיקע פעל פון דיינע הייכן...
אויב אין דער וועלט וועט שוין ניט זיין פּאַר וועמען
דיין ליד צו זינגען אינעם וונדער־צייכן.

אין גרויסן דרויסן

א

מיט אַסטראָנאָט
הייבט אָן דער נייער אלף־בית
אין ספר צייט,
און ניט ווי אַמאָל
מיט אלוהים.
דער אוניווערס איז אַלט.
איך הער די אותיות, —
די אַנדערשקייט, —
די שטים
פון אייביקייט.
ס׳איז פּראַסטיק קאַלט,
און מיינע פינגער
מיט זאַפּערעס,
פאַרגליווערן,
בעת איך האַלט
זיך אָן אין עק
פון דעם ראַקעט
אין דעם אומענדלעכן העט־העט.

ב

איך בלאָנדזשע
אַרום
אין דער ביליאָנענהאַפטיקייט
פון דער באַשאַפונג.
קיין סימן פון
בראשית.
די אומזיכטבאַרע בלויע בערג
באַהעפטן זיך מיט שרעק
און ביסלעכווייז
מיט מיין באַוווּסטזיין.

ג

ווי איינזאַם שוועבסטו
גאָט
אַרום.
דו קענסט די גאַלאַקסיעס
ניט מער דערקענען.
גיב מיר דיין האַנט.
מיר זיינען ביידע נע־ונד
אין גאָרטן
פון גרונטלאָזע גרונטן.

ד

אין פוסטער ליידיקייט
איז ניט פֿאַראַן
קיין דאָ
צי דאָרט.
אַ דיכטער
געפֿינט בכלל פֿאַר זיך קיין אָרט
אין ד׳ערגעץ
און איך זוך אַלץ
אַן ערגעץ,
און שוועב אַרום
אין דעם אומענדלעך גרויסן
דרויסן...
און אַלץ וואָס איך
פֿיל אינעווייניק,
פֿאַרגייט איצט דין,
ווערט דין־עווייניק.

ה

אַמאָל פלעג איך
דערזען דעם העלן הימל,
און חלומען:
ווי גוט וועט זיין
צו היטן
די הויכקייטן
מיט אַ געזאַנג פון הללויה.
איצט יאָג איך זיך
נאָך יענעם ליכט פון שקיעה...
בלויז איינער פון
די אויך־קייטן.

ו

אין ווייטן וואַנדערוועג,
וווּהין ווילסטו דערגיין?
אין ווייטסטער ווייטקייט,
אויף יעדן אומזיכטבאַרן בוים
אין פוסטקייט,
פאַרווינטערן
פאַרבלייכטע שטערן —
ווי אַלטע מוידן
וואָס וואַרטן;
און וויאַנען.
ווערטו דען קענען זייער וויי
אַראָפּרייסן פון בוים,
און ערגעץ אין די לאַנגען
איינפלאַנצן
מיט ליבשאַפט...
זיי זאָלן זיך צעבליען
אין וווּנדער?
צי ווערטו?

ז

אַ זאַווערוכע
אין זאָדיאַק,
אַפילו אין רוים פון די הימלען
די זיבן,
ווו איך האָב די שטערן
געקליבן;
געפונען
די זונען,
און נאָך מיט אַ זמר.
איצט זינדיקן דאָ
אין זייטיקע געסלעך,
ווי זעלנער מיט זונות
די זעלביקע שטערן,
די זעלביקע זונען.
אַ רויטער לאַמטערן
הענגט איבערן קאָסמישן טויער.
די מילך אין דער מילך-גאַס
ווערט זויער.

ח

איך חבר זיך מיט חלום,
מיט חושך.
פון מיינע חושים
וואַקסט פּלוצעם אויס
אַ חידוש־בוים.
איך זע די שטערן,
דערקען דעם סדר.
איך זע פּלאַנעטן,
וואָס פלעגן לויפן
ווי קינדער אין חדר
חומש זיך לערנען.
ס׳איז פּוסטער געוואָרן
דער רוים פון העט־העטן,
און יעדער לאַן
אויף מיין נסיעה,
ווערט אין דער פינצטערניש
צערינען...
ווייל כ׳קען דעם רבין ניט
געפינען.

ט

מלאכיםביים טויער,
מיט טאַצן, טרומייטערס.
זיי טרובעווען
און טאַראַראַמעווען,
מקבל פנים זיינען זיי דאָס מיך,
דעם ערשטן יידישן פּאָעט,
אין דעם העט-העט,
וואָס האָט פאַרגלוסט זיך, זיין
אַ קאָסמישער טוריסט...
און פליען אומזיסט.
מיטאַמאָל ביים טויער,
אין אַ רגע
אַ בלויער,
באַווייזט זיך אַן אַלטער,
גאָר אַלטער מחבר.
ער שטרעקט מיר אויס
זיין האַנט,
און אין די אויגן
צעפלאַקערט אַ פייער זיך
פון זונען...
צופרידן
וואָס כ'האָב דעם וועג אַהער
געפונען.
איך נעם די האַנט,
און האַלט זי לאַנג אין מיינער.
נאָר ס'דוכט זיך אַז
אַפילו דער אַלטער מחבר
איז זשעדנע צו הערן,
וואָס איך טראַכט אַצינד
וועגן אויסלייג פון שטערן;
צי די אייביקע האַנט,
האָט טאַלאַנט.

י

ווי לייכט מען פאַלט
אַריין אין יאוש.
די ליידיקייט
אין דעם העט-העט פון רוים,
איז ווי אַ ים
אָן אַ יבשה.
איז וואָס-זשע איילן זיך
די אַסטראָנאָטן,
די קאָסמאָנאָטן,
אין פוסטער יאָגעריי,
אַז סיי ווי סיי
וועט קיינער פון די ריזן,
וועט קיינער קיינמאָל ניט דערגיין
צו דעם יסוד
פון דעם באַשעפערס
קאָסמישע קאַפּריזן.

און וואָס טו איך אַדאָ
אין דעם העט-העט?
געטריבן פונעם אומרו-״דזשעט״,
דעם אמת ידישן ראַקעט?!
אַ ברירה האָב איך?
אין מיינע יאָרן
בין איך נאָך אַלץ
אַ ילד,
אַ יאַט,
פאַר אייניקע אַ יאָלד...
אַ ייד
וואָס ווערט ניט מיד,
ווייל אין דער צייט פון אַסטראָנאָטן,
פלי איך אַוועק
אויף פליגל פון ליד.

כ'בין אָנגעקומען,
נאָר פרעגט ניט ווי אַזוי,
און פרעגט ניט ווו.
אַ קאָסמיש-קאַלטע ליידיקייט
נעמט מיך מיט פוסטע הענט אַרום.
איך בין געקומען זוכן רו
אַדאָ אין רוים,
ווו ס'זיינען נאָך דערווייל ניטאָ
קיין שרייבערישע דורות,
און ניט קיין מעצענאַטן...
בלויז אַסטראָנאַטן
פון צייט צו צייט.
אין דעם אומהיימלעכן העט-העט,
בין איך דערווייל
דער איינציקער פּאָעט.
אַדאָ אין רוים
וואַקסט אויס פאַר מיר
מיין אומזיכטבאַרער בוים,
מיט אומזיכטבאַרע צווייגן אומעטום —
און אומציילבאַרע שטערן.
די זון און די לבנה-קעצלעך,
פון זייערע עקן הענגען זיי אַראָפּ,
ווי פּירות פון די צווייגן,
און שווייגן
מיך אָן
מיט פאָספאָר-גליענדיקע אויגן.

איך גיי ניט,
איך פלי ניט,
איך שוועב אַרום אָן גראַוויטאַציע,
מיט גראַציע.
ניטאָ קיין אונטן,
קיין פונטן,
קיין אויבן,
נאָר טונקלקייט מיט זונען:
אַ גאַלאַקסיע
אַנטפּלעקט זיך דאָ,
אַ ים
פון גליענדיקע שטויבן.
אַ מאָדנע שטילקייט,
און נאָך אַ מאָדנערער געפיל
נעמט מיך אַרום.
דאָ אַרט עס ניט ווי אַלט מען ווערט,
און צי דער קאָפּ מיט ווילדע האָר
ווערט זילבערגרוי.
דאָ שוועבט מען בלויז
אַרום אַזוי,
אַרום,
אַרום,
אַרום אַזוי.
מיין אומזיכטבאַרער בוים
באַשאָטנט מיך ווען די לבנה-קעץ
פאַרבלענדן מיר די אויגן, —
דעם חלום-שיין,
בעת איך שוועב,
און שוועב
אַלץ ווייטער
אינעם תהום פון אוניווערס אַריין.

נאָר איינזאַם איז מען דאָ אין רוים,
נאָך איינזאַמער ווי דאָרטן,
ווו יעדער איינער חלומט
ער זאָל אַנטלויפן פון זיין גרויען גאָרטן...

מיין זייגערל,
מסתם איז שטיין געבליבן.
איך שוועב אַרום,
און ווי אַ קאָסמישער קאָלומבום
זוך איך נאָך אַלץ
אַ קאָנטינענט פון רו.
דער אמת איז,
די רו הייבט אָן מיר נימאס ווערן,
ווייל דאָ אין וויטן, וויטן לאַן,
דאָ צווישן שטערן,
איז צופיל רו,
איז צו פיל רו פאַראַן.
הייב איך אָן בענקען
אַן אַסטראָנאָט זאָל מיך געדענקען...
ער זאָל פאַרביי,
און מיך צוריק פאַרשלעפן
צוריק צו זיי
פון וועמען כ׳בין אַנטלאָפן.
צוריק אַהין,
איך זאָל ערשט דאָרטן
פון ס׳ניי אָנהויבן האָפן...
איך זאָל אַוועק
אַ נייעם שטערן זוכן.

ישראל

א י י ל ב י ר ט ־ ב ו י ם

האַלט אויף אַ רגע אונטער זיך דעם שליאַך,
און לאָז דעם גענלן שטויב פאַרגליווערט ווערן.
אַן אײלבירט־בוים מיט קאַרבן אויפן שטערן —
שפּרייט אוים פאַר דיר זיין גרווילעך־גרינעם דאַך.

שטעלסטו דעם וואַנדער אָפּ און פּרוּווסט דערקלערן:
ווער ווייס ווי לאַנג ער שטייט שוין אויף דער וואַך,
אַדאָ אין פעלד וואָס אָטעמט מיט תנ"ך —
ווו יעדער שטיין וויל ווידער פּירה ווערן.

אַן אַלטער אײלבירט־בוים שטייט דאָ, — מיט הענט
וואָס ווערן גאָר ניט מיד די קרוין צו טראָגן,
אַנטקעגן ליכט וואָס ברענט ווען עס דערנענט

די זון אויף יענעם פייערדיקן וואָגן.
ער היט דעם שטיינערדיקן שליאַך און שווייגט
פאַרקאָרטשעט, נאָר פאַרוואָרצלט און פאַרצווייגט.

נאָך הייסער ווי די מדבר־זון וואָס ברענט,
איז דאָ דער זאַמד, דער שטויב, דער פעלדזן־שטיין
צעגליט אין פאַרבן פונעם זון־פאַרגיין;
דער שוויים איז הייסער, און דאָס בלוט... די הענט

וואָס גראָבן זיך אַריין אין גאָרניט און אין נײַן,
און פלאַנצן דאָ אַ צווײַג, וואָס דערקענט
זיך בלויז אין וואָר און ברעכט אַדורך די ווענט;
דער גלויבן דאָ איז הייסער נאָך, — די ציין

וואָס בײַסן זיך אַרײַן עקשנותדיק
אין ווילדן און פאַרלאָזטן טויטן גאָרטן...
דאָס אויג וואָס אַקערט מיטן פונק פון בליק

דעם אויסגעדאַרטן דאָ און הוילן דאָרטן;
דאָס אַלץ איז הייסער נאָך. די אַלטע זון
וואָס ברענט אַראָפּ — ווערט אַזש אין כעס דערפון.

אין נגב

די געלע שטיינערנע וויסטעניש,
די בערג אַרום פֿאַרדרייט אין טויזנט קאַרבן, —
צעשפּרייט אין אַלע זשאַווערדיקע פֿאַרבן —
זיי שטאַרצן אָן דיך שטום מיט טרוקעניש.

מיט ליידיקייט אין אויגן ווי אַ שאַרבן —
וואָס ליגט פֿאַרלאָזן אין דער ווילדערניש.
ס׳רירט גאָרנישט זיך אין הייסער הייסעניש...
דער הימל קוקט נאָר צו ווי זיי פֿאַרדאַרבן.

נאָר דאָ און דאָרט באַווייזן זיך געשטאַלטן,
וואָס וועקן אויף אַ רגע פּונעם שלאָף —
די מדבר־איינזאַמקייט און דעם אוראַלטן

פֿאַרלאָזטן לאַן: דער הויקער פֿון אַ קעמל,
אַ בעדואין מיט אייזלען, ווייב און שאָף —
און ווידער זינקט די מדבר אין אַ דרעמל.

אַ קאַץ פּילט זיך ניט אַזוי מאָדנע דאָ.
אַזויפיל אויגן פרעגן מיך דאָ שטום
און קאַלט — וואָס זוך איך, און פון וואַנען כ׳קום —
ווי כ׳וואָלט געווען אַן איבעריקע שעה

אין רעכענונג פון צייט. פון אומעטום
טריפט חשד. אַ בליק וואָס האָט קיין דנאָ —
ווי איך וואָלט אינעם פעלד געווען אַ קראָ, —
פאָלגט נאָך מיר טראָט נאָך טראָט אין דעם אַרום.

כ׳בלייב שטיין אַ רגע אין אַ גאַס פון נעכטן...
די זון אין בלוי האָט מיך ווייזט אויס פאַרשטאַנען
און פרוּווט מיר אומזיכטבאַרע פּאות פלעכטן,

און דעקט מיט שטראַלן צו מיין הוילן קאָפּ.
נאָר ס׳העלפט מיר ניט, און איך מוז ווייטער שפּאַנען.
די זון פאַלט אַ פאַרשעמטע, רויט אַראָפּ.

אַ גרויע וואַנט באַקרוינט מיט שטעכל־דראָטן
צעטיילט די פּוסטקייט אינעם קיינעמס־לאַנד.
אַ הויז מיט טויטע אויגן, נאָכן בראַנד,
שטייט חרוב און פאַרלאָזט און האַלב פאַרשאָטן.

אַ וועכטער דאָ און דאָרט, די שילד, די שאַנד
אַז דו האָסט איצט אַ שטומען לאַן באַטראָטן,
אַז ווייטער איז דער וויסטער וועג "פאַרבאָטן":
דערמאָנען דיך דו שטייסט ביים סאַמע ראַנד

פון זיין וואָס זעט אויס זינלאָז דאָ אין רוים.
אַ קאַקטוס גרינט ווי ר'וואָלט אַראָפּ פון זינען,
און שטעכט זיך דורך און מיינט ער איז אַ בוים,

און קאָן אַפילו ניט קיין רו געפינען,
קיין אָרט פאַר זיינע דערנער אינעם גאָרטן
פון קיינעמס־לאַנד וואָס טיילט דעם דאָ פון דאָרטן.

ירושלים

מיין בלויער רויטער ים

ווי ליכטיק בלוי דו ביסט מיין רויטער ים.
דער הימל און די היץ נאָר זיינען בלויער.
און אפשר אויך די אויגן פונעם בויער
וואָס גראָבן זיך אַריין אין שטיין און שטאָם.

אַפילו ווען די זון לעשט אויס איר פלאַם,
און עפנט אויף די נאַכט, איר טונקלען טויער...
ווערסטו מיין רויטער ים נאָך טונקל-בלויער,
זאַפסט איין אין זיך די פאַרבן ווי אַ שוואָם.

נאָר וואַרט, איך וויל דיך ניט פאַרשעמען
פאַר גלויביקע טוריסטן און נאַיווע.
איך וועל די האָר פון דיינע כוואַליעס קעמען

מיט רויט, דו זאָלסט זיך ים אין רויט אַנטפּלעקן,
אַזוי ווי ס׳איז געווען אין בלוי דיין טבע,
אַז קיינער זאָל דעם טעות ניט אַנטדעקן.

עס אָטעמט אויף דאָס פעלד וואָס איז געלעגן
אָן כוחות אין דער זון, פאַרשלאָפן, שטיל, —
זיין חבר פון קיבוץ קומט אָן, און וויל
אים אויסלייזן מיט איריגאַציע־רעגן.

איין דריי, און דורך די שפּריצערס שטראָמען קיל
די וווּנדער־וואַסערן, סאַראַ פאַרמעגן!
ווי גוט עס איז צו זען דאָס אויף די וועגן
וואָס ווערן איינס מיט דיר אין היימישן גליל.

די בערג וואָס טוען אָן זיך גרין, זיי זיינען
ניט צוגעוווינט, — ווי איך מיט נייע שיך,
באַקוקן, שפּיגלען זיך אין זון און שיינען

צו מיר אַראָפּ אין טאָל, דערציילן וווּנדער
פון קאַמף און אַרבעט און אַ פאָלק; און איך
הער גוט זיך צו, צו יעדן באַרג באַזונדער.

סאַבראַ מיין קינד

ווי גוט איז מיר צו זען ווי דו וואַקסט אויס
אַ שטאָלצער, און מיט אימפּעט אין דיין בלוט — —
אין פעלד אַ העלד וואָס בויט און קעמפט מיט מוט,
וואָס שפּאַנט דער צוקונפט זינגענדיק פאַרויס.

ווי גוט איז מיר צו זען ווי אינעם שויס
פון מדבר־ערד וואָס ליגט פאַרגליווערט, רוט
נאָך אונטער שטיין, גייט אויף די וואָר! ווי גוט
עס איז צו זען אַ חלום שפּראָצט אַרויס.

פאַרליר מיך אָבער ניט אין ברען פון גלויבן.
דו גראָבסט רעליקוויעס אויס פון דיין אַמאָל...
פאַרשאָטענע פון אונטער צייט און שטויבן.

דו בויסט אַ נייע וועלט, און שטאַרק ווי שטאָל.
פאַרליר מיך ניט און לאָז מיך ניט פון ווייטן — —
איך האָב דיך אויסגעבענקט אין אַלע צייטן.

א בחורל לויט יאָרן — נאָר אַ קאָפּ
האָט ער אויף זיך אויף אַלעמען געזאָגט —
אַן אַלטן ווי אַ נייער טאָג וואָס טאָגט
מיט שקיעה־גאָלד פון נעכטן און אַ פרישן טראָפּ.

צומאָל פאַרשטייט ער ניט דיין לשון, יאָגט
פאָרויס מיט אימפּעט־וויכער אין גאַלאָפּ,
און ניט צו רוען שטעלט ער זיך ניט אָפּ.
ס׳איז פרעמד אים יעדערער וואָס זיפצט און קלאָגט.

נאָר שיין איז ווי זיין יינגליש פנים שיינט,
ווי ס׳וואַקסן דאָ און דאָרט צען דריבנע האָר —
אַן אָנזאָג פון אַ באָרד, — צען ביימלעך היינט,

נאָר מאָרגן וועט דאָרט זיין אַ וואַלד אין וואָר.
ביסטו אים מוחל פאַר זיין וויכער־אימפּעט.
עס ליגט זיין מאַמע ערד אַצינד אין קימפּעט.

וואַנדער אויפן קוסט

אין רו און פריד

ביים אַלטן בוים

דו בלייבסט אַדאָ ביים אַלטן בוים
ווי פּאָר אַ ווינטער־ווייסן זקן שטיין.
אין אָט דער שטילקייט הילכט
דיין אייגן וואָרט
פאַרלוירן אַפּ
און קליין.

אין דורותדיק פאַרצווייגטער באָרד.
ווו ס׳ציטערט אויף
אַ מאָרגן־תפילה־ליד,
פאַרהויכט אויך שטיל
די אָוונטיקע שעה...
אין רו און פריד.

צו מיין זון יהודי

געבוירן 13 טעג אין חודש תשרי, תשי״ג

די רגע האַרבסט אין אָנהויב פון אָקטאָבער,
ווען ביימער ווערן צייטיקע ווי זונען — —
האָסטו פאַר מיר נאָך פאַרביקער אַנטפּלעקט.
די מורא פון פאַרגיין איז באַלד צערונען.

ווי אויסטערליש ס׳האָט אויפגעבלויט דער הימל.
דו ביסט געבוירן אין אַ שעה אַ גוטער.
די צאַרטעסטע פון אַלע צאַרטע פרויען,
האָט אויסגעטראָגן דיך אין וויי פון מוטער.

די הענט האַלט זי אַריבער דיר ווי פליגל,
און בענטשט דאָס ערשטע ליכט פון דיינע אויגן — — —
וואָס שיינט דורך נעפּלדיקע שלייערס, — —
די נעפּלען זיינען זיך נאָך ניט צעפלויגן.

זי זוכט דיין בליק, נאָר דיינער איז נאָך ווייט;
דו זעסט נאָך יענע בילדער — — יענע וווּנדער,
וואָס זיינען בלויז אין חלום איינגעהילט...
ביז ס'קומט די צייט וואָס טיילט זיי אָפּ באַזונדער.

איך שטיי דאָ לעבן דיר — אַ שטאָלצער היטער,
און טראַכט, עס זיינען דאָ אַזויפיל שליאַכן.
מיט ציטער וועל איך, זון, באַגלייטן דיך;
מיט ציטער און אמונה וועל איך וואַכן.

מיין קינד! אַ זון, און אויסגעבענקטער יורש!
אַזויפיל שליאַכן זיינען דאָ פאַראַנען.
דער לייכטער וועג קען אונדז אַמאָל צעשיידן,
צי וועסטו וועלן אויפן שווערן שפאַנען?

איך וועל דיך היטן אויפן לאַנגן וואָגל,
און וועל פֿאַר דיר די שענסטע שטערן צינדן —
אויף ווייטע פֿעלדער פֿון דיין בלי און קינדהייט
וועל איך די גאַרבן זון אין סנאָפּעס בינדן.

נאָר זיי מיין יורש, דער, אין גאַנג פֿון לעבן,
וואָס וועט, אָ, תמיד צווישן פֿרעמדע נעמען,
מיט דעם וואָס לייוויק האָט דיר אויסגעקליבן,
אַ שטאָלצער זיין — — זיך קיינמאָל דאַרפֿן שעמען.

אַ ווונדערלעכע רגע אין אָקטאָבער!
די ביימער ווערן צייטיקע ווי זונען.
דו האָסט פֿאַר מיר דאָס שענער נאָך אַנטפּלעקט...
ווי ס׳איז די מורא פֿון פֿאַרגיין צערונען.

אָקטאָבער, 1952

אַ תּפילה

אָ גאָט, נישט דו, נאָר דיינע מענטשן שטראָפֿן,
אָט דעם וואָס ווייסט אַפילו נישט פֿון זינד — —
ווי ס׳שטראָפֿט אַן עלנטער זיין אייגן קינד,
וואָס האָט דאָס הארץ און אומשולד-אויגן אָפֿן.

ווייל דער וואָס איז פֿון דיין געצעלט אַנטלאָפֿן,
צוריק אין פֿינצטערניש, איז שוואַך און בלינד;
אין זיין פֿאַרלוירנקייט ווערט ער אַצינד
דער פֿייניקער פֿון די וואָס גלויבן, האָפֿן.

אָ, גיב מיר כּוח, כ׳זאָל צום סוד דערגיין,
אַנטפּלעק פֿאַר מיר אין רגעס, אומעט-שטילע,
דיין חסד, כ׳זאָל דאָס מענטשלעכע פֿאַרשטיין —

וואָס איז אין מיר, דאָס פּשוטסטע אַפֿילו,
וועט אפשר אומבאַרירט, אָ, אייביק ריין,
אין הארץ מיין גלויבן בלייבן, ווי אַ תּפילה.

צאַנקט נאָך אַ ליכט ווי אין פענצטער פון אָוונט,
גאָלדענער שיין וואָס ווערט רויט אין פאַרגאַנג —
איידער עס זאָלבט דיך די רו און צעשפרייט זיך
שטיל אויף דיין וועלט, אָן אַ שאָרך, אָן אַ קלאַנג, —
איינשפּאַנען זאָלסטו די שאָטנס צום וואָגן,
האַלט אויף דעם אומעט אַזוי אין דיין צוואַנג —
יאָג זיי דורך פעלדער, דורך וועלדער, דורך לאַנקעס, —
כאָטש די נסיעה איז טונקל און לאַנג —
דעמאָלט אַנטפּלעקן וועט דיר אין אַ כּישוף
עמעץ אין הימל, איר ליכטיקן גאַנג...

ביימער וואָס וואַכן —ביים שיידוועג פון שליאַכן,
שטרעקן צו דיר — ווי דערשראָקענע הענט,
אַלע מיט שאָטן באַהאָנגענע צווייגן, —
אָ, ווי דאָ וואָלסט זייער מורא דערקענט.
דעמאָלט צינד אָן אויך פאַר זיי יענעם כּישוף,

וואַרט ביז דער נאָכטסוד פון וווּנדערלאַנד ברענט...
וואַרט יעדער בוים זאָל פאַרוואַנדלען די צווייגן.
און פונעם אייגענעם ליכטשיין פאַרבלענדט,
זאָל זיך דער הימל צעגיסן פון אויבן...
ביז די געזאַלבטע פון חלום דערנענט.

וועט די פאַרחלומטע ליכטפּרוי דערשיינען,
שטראַלן פון איר וועט אַ זעלטענער שיין.
שטיין זאָלסטו בלייבן, דעם וואָגן פאַרלאָזן,
טרייב אינעם שטאַל דיינע שאָטנס אַריין.
דאָרט איז דער סוף פון דיין וווּיטער נסיעה — —
דאָרט קאָנסטו אפשר דיין אומעט און פּיין
בלויז פאַר אַ רגע פון פרידן פאַרבייטן,
און אַ באַשטערנטער איינזאַמער זיין.
אין דער אַנטפּלעקונג פון מיטנאַכט און חלום,
הילט די לבנה דיין וווּנדערוועלט איין.

אין פריער שעה

ווי שטיל פאַרגייען אין דיר —
אין דעמערונג די טעג.
אין גרוי פון מאָרגנליכט
אַנטפּלעקסטו זיי צוריק.
נאָך שטילער
ווערט די ערד דיין ערשטן טראַט געוואָר,
ווען דו צעגיסט אויף אַלץ
דיין בליק.

און איידער ס׳קלינגט דער זייגער אויס
די פריע שעה;
אין טורעם פלאַטערט נאָך
די פלעדערמויז פון נאַכט,
האָט דיך אַ בענקשאַפט אויפגעוועקט —
אַן עדות זיין —
דאָס ערשטע ליכט
איז אויפגעוואַכט.

דו שפּאַנסט אַרוים אין פעלד,
און דו דערפילסט דעם זין
פון דעם
וואָס איז נאָך ניט דערזאָגט;
ביז דו האָסט עס באַפרייט
פון זיך,
אין פריער שעה
ווען אַלצדינג טאָגט.

דער טונקלער אומרו־אָדלער פליט און פליט,
און דעקט מיט זיינע ווייטע פליגל צו
דעם הימל ווו עס בלויט אַזיפיל רו.
ער הילט די וועלדער איין אין דיין געמיט.

און אַז די שטילסטע שעה קומט אָן, פאַרגליט
זי צווישן בערג פון אָוונט ערגעץ־ווו.
נאָך זונפאַרגאַנג און דעמערונג ביסטו
פאַרבליבן שטיין; אַן אומרו־פונק צעגליט

פון ריזן אָדלערס בליק דיין וואָגלערהאַרץ.
נעמסטו אין האַנט דעם וואַנדער־שטעקן דרייסט,
און טאַפּסט זיך דורך דער וועלט וואָס לויערט שוואַרץ,

און קאַלט און פרעמד. ווי אַן אומבאַקאַנטער גייסט;
דו קלויבסט צונויף די רו אין יעדן אָרט
און טיילסט מיט איינזאַמע זיך דאָ און דאָרט.

דו זאָגסט צומאָל אין שטילער שעה,
ווען דו ביסט זיך אין תפילה אויסן:
״דער שקרן זיצט אין הויז פון גאָט,
און דו שטייסט ווי אַ פרעמדער דרויסן.״

צי ווערט ניט ווען ביי דיר אין האַרץ,
אַ רגע טונקלקייט געבוירן...
ווייל אין דער העלסטער תפילה־שעה,
האָסטו זיך אין אַ חשד פאַרלוירן?

צי שטאַרבט דער גלויבן ניט אין דיר,
ווען דו הייבסט אָן אין צווייפל, פרעגן?
צי האָסטו ניט באַפלעקט דיין טראָט,
און וואָס דו זוכסט אויף דיינע וועגן?

איז גוט וואָס דו ביסט גובר אַלץ,
און ביסט דיין אייגענער באַשטראָפער.
דו רייסט פון האַרץ דעם חשד אַרויס,
און בלייבסט אַ גלויבער און אַ האָפער.

די מורא אין דיר

ווי סע טונקלט דאָס טאָל אינעם אָנהויב פון נאַכט!
אָבער טונקלער פון אַלץ איז די מורא אין דיר.
זע, אַפילו די בערג און דער הימל אויף זיי
זיינען פינצטערער היינט אינעם שוואַרצן באַריר.

וואָס-זשע וואַרטסטו אַצינד, ווען עס דאַכט זיך דיר אויס,
אַז די מורא אין דיר וועט פאַרפּלייצן די וועלט? —
דו אַליין מוזט זי גובר זיין, איידער דו קומסט
מיט אַ בשורה פון ליכט צו דער פינצטערער וועלט.

דו שטייסט צומאָל ביים ברעג פון וועג,
אַזוי ווי ס׳שטייט אַ מענטש ביים ראַנד,
וואָס ווייסט ניט וווּ צו גיין, און פילט
ווי פרעמד ער איז אין אייגן לאַנד.

קלאַפּסט אָן אין טיר פון ערשטן הויז,
נאָר קיינער רופט דיך ניט אַריין,
און אומבאַרירט בלייבט אויפן טיש,
דער בעכער און דער קרוג מיט וויין.

דו גייסט אַזוי פון טיר אַוועק
און בענטשסט זיי אַלעמען פון הויז.
פאַרוואַנדלט זיך דער קרוג מיט וויין,
צעבליט זיך אין אַ רויטער רויז.

ווען דו ביסט ווייט שוין פון דער שטאָט,
דערקענט מען... דו ביסט עס געווען,
און אויפן קוסט די רויטע רויז,
פאַרוואַנדלט זיך אין רויזן צען.

עס פירט דער וועג דיך ווייטער ווי
צום טויער פון אַ צווייטער שטאָט,
דערזעסטו אַז אַ צלם שטייט,
און אויפן צלם הענגט אַ גאָט.

ס׳שטייט עמעץ דאָרט פאַרהילט אין שוואַרץ,
פאַרזונקען שטיל אין איר געוויין.
זי ווייסט אַפילו ניט אַז ע ר
איז ניט איר גאָט — נאָר דו אַליין.

פאַרוויאַנעט ווערט אַ רויז נאָך רויז,
און ס׳שטאַרבט דאָס ווונדער אויפן קוסט.
אָ, ווייטער גייסטו און פאַרגייסט,
און ס׳בלייבט דער קוסט פאַרוויסט און פוסט.

ביז דו קומסט צו אַ חורבה צו...
אַ שטאָט איז דאָ געווען אַמאָל,
נאָר ס׳האָט די צייט נאָך ניט פאַרווישט
די צייכנס, און פון יאָר די צאָל.

פאַלסטו אַנידער אויף דער ערד
און קושסט אַ יעדן ציגל־שטיין.
דאָ איז דער אָרט שוין גאָרניט פרעמד.
אַ וואַנדערער! דאָ קלאָג און וויין!

נאָר ווילסטו וויינען קאָנסטו ניט,
ווייל עפּעס אין דיין האַרצן גליט.
הייבסטו די אויגן אויף און זעסט
אַ רויזן־קוסט האָט זיך צעבליט.

ס׳האָט ווידער זיך צעבליט פון ס׳ניי
אַ רויזן־קוסט ביים טונקלען ראַנד.
נאָר ס׳רופט דער שליאַך דיך און דו שפּאַנסט,
אַ רויז אין האַנט פון לאַנד צו לאַנד.

פון וואַנען, וואָגלער, אין דער שעה
פון דעמערונג און נאַכטבאַגינען?
ווו איז דער שורש, ווו דער סוף,
און וואָס האָסטו אַצינד אין זינען?
אַזויפיל אויגן פרעגן שטיל, —
ווילסטו אַן ענטפער אויך געפינען.

דו זאָגסט צו זיי, אַז ס׳איז דיין וועג —
דער גורל, אַז דו זוכסט אַ תיקון;
אַז דיר איז גוט צו זען צומאָל
אַ הייליק ליכט אין שטילע בליקן
וואָס שרעקן זיך נאָר ווען עס וויל
אַן אומקום-פייער אַלץ פאַרצוקן.

דו פילסט אַזאַ דערהויבנקייט
ווען דו דערקענסט אין גאַנג פון יאָרן,
ווי שווער עס זאָל ניט זיין דער עול,
ווי פרעמד דער שליאַך, ווי שאַרף דער דאָרן,
אַז דו ביסט גובר אַלץ — און בלייבסט
אָט דער, וואָס ביסט אַמאָל געוואָרן.

דו טראַכסט, ווי גוט עס איז אַזוי,
כאָטש גאָרנישט ווערט דיין וועג באַלויינען;
ווייל דער וואָס לעבט און שטאַרבט אַזוי,
וועט אָפּטמאָל זיך מיט דערנער קרוינען,
און אין אַליין — און איינזאַמקייט
מיט אַלע וואָגלער־ווינטן וווינען.

דו גלויבסט, אַ וועג וואָס דו אַנטפּלעקסט,
באַשאַפט דעם כּוח אויך צו שפּאַנען;
אַפילו ס׳איז אין האַרץ ביי דיר
צומאָל אַ צווייפל נאָך פאַראַנען.
דו זאָגסט, אַז ס׳וועט דער זין פון גאַנג
שוין אייביק דיך אין דעם דערמאָנען.

דו גלויבסט אויך, אַז דיין תּפילה-ליד
וועט אומעטום די בענקשאַפט וועקן,
און אַז נאָך לעצטער וואַנדערונג,
וועסטו דעם גורל-וואַנדערשטעקן
פאַרפלאַנצן אין דער ערד, ער זאָל
פאַר דורות זיך אין ליכט אַנטפּלעקן.

דער קינסטלער

פאַר חיהלע גראַבער

דער גייער גייט זיין שטילן גאַנג.
דער קינסטלער שפּאַנט די פליגל אויס
און פליט אונדז אַלעמען פאַרויס.
ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם צוואַנג,
ביז אַלץ ווערט ניגון און געזאַנג,
ביז אַלץ ווערט ליכטיק, שיין און גרויס.

איז ווויל צו דעם וואָס פליט און פליט,
אַריבער היים, אַריבער שטאָט,
און לאָזט צוריק די צייט אין טראָט,
ווייל עפּעס ליכטיקט אויף, און גליט
אין בליק וואָס לעשט זיך קיינמאָל ניט;
וואָס שפּיגלט אָפּ דעם שיין פון גאָט.

איך זע אין דיר אַ העלן שיין...
דיין וועלט ווערט איינס מיט דיין געשטאַלט.
דו הייבסט זיך אויף ווען אַלצדינג פאַלט.

דו ביסט די שטים פון שטומסטן וואָרט — —
נאָר דו אַליין געפינסט קיין אָרט —
דיך האַלט אַ ליד אין זיין געוואַלט.

דער ריטם פירט דיך פון אַ טאַנץ;
דו ביסט דער אָנהויב, אויך דער סוף...
אַ ציטער וואָס נעמט דורך דיין גוף,
דערציטערט אַלץ, — און יעדער בויג
אַנטפּלעקט דיין קערפּער גאַנץ.
דו רופסט, — געבענטשט ווער ס'הערט דיין רוף.

אָ, ווער עס הערט דיך, דער געפינט...
וועט תמיד אויך געפינען טרייסט,
און פרייד און רו; און ווער עס ווייסט
אַז אין דיין האַרץ און אָדער רינט
דאָס ריינסטע בלוט, וואָס דינט
דעם פאָלק — ביז דו אַליין פאַרגייסט.

דער וועט שוין קיינמאָל עלנט זיין!
ווייל דער וואָס הערט דיין שטים אין זיך,
און דער וואָס זוכט אין וואַנדער דיך,
און דער וואָס קוקט צו זיך אַריין,
און לעבט אין זכות פון יענעם שיין,
דער טוט מיט פרומקייט אויס די שיך!

און ס׳גייט דער גייער פרום זיין גאַנג,
דער קינסטלער לעבט זיין לעבן אויס
און ס׳פליט זיין שכינה אונדז פאַרויס.
מיר ווערן פריי פון יעדן צוואַנג — —
ווייל אַלץ ווערט ניגון און געזאַנג,
ווייל אַלץ ווערט ליכטיק, שיין און גרויס.

ערב אָנהויב

די שטערן־קו האָט אויפגעהערט צו קאַלבן.
די שטערנדלעך וואָס האָבן זיך געצונדן
אין אירע אויגן זיינען שוין פאַרשוווּנדן.
פון ווייטן ערגעץ־ווּ האָט ווער אַ האַלבן

פרימאָרגן־קוק געטון, און אויפן רונדן
פאַרנעם פון האָריזאָנט — די ערשטע שוואַלבן
צעלאָזט, זיי זאָלן אַלץ מיט אָנהויב זאַלבן.
דיין בליק, אַלץ קלאָרער, האָט שוין אויפגעבונדן

די שנירלעך פּערל, און צעלאָזט דעם טוי,
צעקייקלט זיי אויף אַלע גראָזן, בלומען.
דערזען האָסטו דאָס אַלץ, געוואַרט אַזוי,

אין ערב אָנהויב זאָל די זון איצט קומען,
און דיר דערציילן וועגן נס פון אויבן,
מיט ערשטן רויט אויף שלעפעריקע שויבן.

עפּיטאַפֿן

א

דאָ ליגט אַ מענטש, ווי יענער, דער, ווי דו,
וואָס האָט אין תּוך מיט זיך קיין שלעכטס געמיינט.
דאָ ליגט אַ ניט דערוואָגלטער, באַוויינט
פֿון דער לבֿנה־קאַץ און שטערן־קו.

די גריל אין זיינע האָר גיט ניט קיין רו,
און שפּרינגט אַרום, און שטאַרבט אַוועק פֿאַרשטיינט.
אַן אַלטע סאָווע נאָר אין נאַכטהעמד לייענט
פֿאַר שטערן פֿונעם לידער־בוך בו־הו.

אַמאָל ווען ס'וועט קיין סימן פֿון דעם אָרט
פֿאַרבלייבן, ניט קיין שטויב פֿון זיין געביין, —
קיין צייכן ניט פֿון אויסגעקריצטן וואָרט,

פֿון נאָמען אויף דעם גרויען גראַניט־שטיין,
וועט נאָר אַ פֿויגל זינגען דאָ און דאָרט,
און אים דערמאָנען, און אַליין פֿאַרגיין.

ב.

אַרומגעצאַמט פון אייזנפלויט און גיטער
פאַרלוירן שטייט אויך איינזאַם דאָ אַ בוים,
וואָס פילט זיך ענגער דאָ אין ענגן רוים,
און טוט אפילו ניט דעם מינדסטן ציטער.

דאָ אונטן רוט זיך אוים אַ וואָגלער קוים
נאָך גיכן זומערדיקן בליץ־געוויטער.
ווער ס׳בלייבט דאָ שטיין זאָל זיין אַ רגע היטער,
און זאָל פאַרשטעלן מיט זיין בליק דעם צוים.

די אָוונט־שפּין שפּינט אוים און שפּאַנט איר נעץ
צו כאַפּן שטערן ווי דער טונקלער ליץ.
און אויב דו בלייבסט אַ רגע שטיין פאַרטראַכט...

וואָס טוט מען אין דער אייביק לאַנגער נאַכט?
פאַרטרייב פון זיך די שוואַרצע שאָטן־קעץ.
מ׳האָט רו צו רו און שטויב צו שטויב געבראַכט.

ג

אַזוי וועט זיין, — דער טאָג וועט זיין אַ מילדער,
די שוואַרצע ערד וועט ווערן אויפגעבעטט
אין פעלד ווי ס׳ענדיקן זיך דערפער, שטעט,
און הויכן אוים דעם רעש און דעם געפילדער...

און ווי מען טוט זיך אוים פון אַלע שילדער.
פאַרגיין וועט שטיל דאָס ליכט אין וויאָלעט,
ערשט ווען די פלעדערמייזלעך וועלן שפּעט
פאַרלעשן אין דער לאַנדשאַפט אַלע בילדער.

ס׳וועט דעמאָלט די לבנה־קאַץ אַרוים
און זיך איר עק פאַרשפּיצן ווי אַ קנויט.
די פאָספאָר־אויגן וועלן ווערן גרוים,

צעגליען העל די שטערן־נאַכטביים פלויט.—
אין יענעם טאָג, ביים ראַנד פון נאַכט, אין שוים
פון פעלד וועט ער באַגעגענען זיין טויט.

קין

די בענקענדיקע ערד
וואָס איז אין ווייטן פעלד געבליבן,
האָסטו מיט פויערישע הענט צעאַקערט,
און אפשר גאָר געשריבן — —
אַזוי ווי ס׳שרייבט אַ דיכטער
אויסטערלישע ווערטער
אויף ווייס מיט שוואַרצער טינט...
און זינגט זיין ליד
וואָס ער האָט פון זיין אומרו אויסגעגראָבן,
און אויסגעלייגט
זיי אויף די וועגן
פון איינזאַמקייט
און ווינט.
און אַז די ערד
אין פעלד
האָט אָנגעהויבן זונגאָלד טראָגן,
אַז קיינער זאָל
זיין טונקלען הונגער קלאָגן — —

האָט עמעצער דאָס ליכט
וואָס דו
האָסט דאָרט פֿאַרזייט,
גענומען רייסן
ווי ווילדקרויט,
און אויסגעשפּרייט
דעם שאָטן
פֿון טויט — —
פֿאַרגאַנגענהייט.

נעכטן

װען ער איז נאָך אַ יונגער יאַט געװען,
איז ער אין נעכט באַשטערנטע אַנטלאָפן,
און זיך ביים נאָענטן װאַלד מיט איר געטראָפן;
צומאָל האָט ער אין חלום זי געזען

מיט אויגן תמיד צו דער װייטקייט אָפן — —
זי קומט צו אים, די בלאַסע פרוי; און װען
אין דער אַנטפּלעקונג איז אַמאָל געשען,
עס האָט די נאַכט פאַרשפּעטיקט זיך צו סופן,

האָט ער אויף װעגן אויסגעלייגט דעם דעמער,
און איז אַװעק מיט איר אין טאָג-באַגינען...
נאָר איבערלאָזנדיק אויף אַלע ביימער

אַ ציטער, קוים, װאָס פלעג װי טוי צערינען.
דערנאָך איז ער אַהיים דורך זייטן-גאַסן,
װען זי האָט אָנגעהויבן שוין פאַרבלאַסן.

און אזוי ווייטער...

אַן ענגשאַפט איז געוואָרן צום דערשטיקן.
די אייביקייט, און אַלץ וואָס עפּאָכאַל:
אַ בליק פון אַ משיח, אַ סאַנדאַל
אַ געטלעכער, און אַנדערע אַנטיקן,

אויף ליציטאַציע — אָפן פאַרן כלל.
מען שטופט זיך און פאַרגינט ניט יענעמס גליקן.
פון קנאה ווערן פּורפּור־רויט די בליקן —
די ליפּן גרין פון שפּייען צופיל גאַל.

דער וואָס פאַרגינט זיך נאָך אַמאָל צו טרוימען,
כאַפּט זיך אַריין אַ שטילער דורכן קוימען.
אַן אַלטער מבין קריכט אויף אַלע פיר

און באַלעבאַטיש דורך דער ברייטער טיר.
פאַר יונגוואַרג אונטער "זעכציק" יאָר,
איז נאָך דער וועג אַריין פאַוואָליע גאָר.

די צייט גייט זיך איר אימפּעטגאַנג,
און אונדזער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט
רייסט מיט דעם אָפּגעזונדערטסטן,
ער זאָל ניט וואָגלען אָפּגעזונדערט.

נאָר ערגעץ־ווו איר דאַרפט ניט זוכן ווייט,
לעבט נאָך דער נאַר אין זכות פון קונצן;
וואָס קוויקט זיך ווען אַ רעפּובליק,
פירט אירע אַלטע פּרינצן "פּרונצן".

פאַרשרייבט עס אינעם ספר צייט!
די וועלט פאַרגעסט דעם חורבן, שייטער...
דער מאָנאַ־קאָטער פּרינץ האָט חתונה...
און... אַזוי ווייטער, אַזוי ווייטער.

אַ פענסיאָנירטער צירקוס פלוי,
געהאַט האָט נעכטן חתונה;
גענומען האָט ער פאַר אַ פרוי
אַ קאַץ אַ שטילע, אַ געלאַסענע.

אַ סברה אַז די סיבה איז
אין גאַנצן גאָר אַ פראַקטישע...
ווייל אויף דער עלטער לעבט מען ניט
פון שפרונגען אַקראָבאַטישע.

בכלל מיט שטיינער אין דער גאַל,
און קאַלעך אין די אַלטע ביינער...
זוכט אויך דער צירקוספלוי, דער שפרינגער,
אַ היים פאַר זיך ווי יעדער איינער.

און זי די קאַץ, מאַדאַם פרו־פרו,
זעט אויך אין דעם די גוטע זייט;
ווייל נאָך אַ מאַן אַ דאַן כואַן — —
דעם שווארצן קאָטער, — — איז דער בייט

אַצינדער אפשר גאָר אַ גליק...
ס׳איז גוט צוליב דער רעפּוטאַציע.
אַ חוץ דעם וועט עס זיין אין לאַנד
נאָר ווי אַ האָליוווּד סענסאַציע:

„אַ קאַץ פאַרליבט זיך אין אַ פלוי,
אַן אַקראָבאַט, אַ צירקוס־רייטער...
וואָס ציט זיך פון זיין קונסט צוריק,
און... אַזוי ווייטער, אַזוי ווייטער".

מיין געל- און גרינע שכינה —
פרוי שילדקרויט איז איר נאָמען,
וואָס ווינט ווי טשערעפּאַכעס,
אין מיט פון גראָז און שוואָמען,

האָט פּלוצעם גאָר באַשלאָסן
זי וועט איר הויז פאַרלאָזן,
ס׳איז נימאס איר געוואָרן
דער זומפּ, דער מאָך, די גראָזן.

זי חלומט פון מיאַמי,
פון זוניקע קלימאַטן:
„אַ גיט מיר, גיט מיר פלאָרידאַ״,
און ס׳וועט מיר גאַרנישט שאַטן.

די גרינע שילדקרויט חלומט,
און ווי זי האַלט אין זינגען...
דערמאָנט זי זיך גאָר פּלוצעם,
זי מוז איר הויז פאַרדינגען.

זי שרייבט אוים אַ רעקלאַמע
פאַר אַלע מאָרגן־„פּייפּערס״:
„אַ דירה צו פאַרדינגען״,
און וואַרט געשען זאָל עפּעס.

געקומען זיינען קונים,
מען האַלט נאָך אַלץ אין קומען,
צי זי וויל עס פאַרקויפן
פאַר וועקסלען צי מזומן.

עס קומען אויך אַזוינע
וואָס ווילן עס בלויז דינגען, —
די גלעקער אין די קלויסטערס,
זיי קלינגען נאָך און קלינגען.

נאָר ווי איז איר, די שכינה, —
פרוי שילדקרויט האָט פאַרגעסן,
אַז זי איז דאָך אין גאַנצן
צום הויז גאָר צוגעוואַקסן.

אַ חלום בלייבט אַ חלום...
פֿאַרגעם די זון אין דרום.
און ווי זי טרוימט דערזעט זי
עס קריכט אַ פֿעטער וואָרעם.

דאָ ענדיקט זיך די מעשה.
זי כאַפּט דעם פֿעטן ביסן...
און שטילט איר שטילע בענקשאַפֿט,
און זעטיקט איר געוויסן.

דרייצן

פאַרוואָס זיך פאַרן אומבאַקאַנטן שרעקן?
כאָטש אַ ציגײַנערטע האָט מיר אַמאָל
דערציילט, אַז דרייצן איז אַ שלעכטע צאָל — —
אַז דרייצן איז אַ רוח מיט דרייצן עקן,

מיט דרייצן קרומע הערנער ווי פון שטאָל. — —
אַז ווו ער נישטערט בלייבן טונקלע פלעקן, — —
אַז "דרייצן" קאָן אַפילו טויטע וועקן
אויפן בית עולם — — אינעם קברים-טאָל,

האָב איך זיך קיינמאָל פאַר דער צאָל דערשראָקן.
אָ, דרייצן קאָן דער אָנהויב זיין פון חלום;
אַ טורעם קאָן ער זיין מיט דרייצן גלאָקן,

וואָס קלינגען אוים די ליבע און דעם שלום,
פאַר דיר און מיר און אויך פאַר אַלע מענטשן;
וואָס וועלן דרייצנמאָל די שיינקייט בענטשן.

לוסיא

דיין בילד

דיין בילד האָט אַלע פֿאָרמען, אורגעשטאַלטן.
אַזויפֿיל הימלען גיסן זיך אין דיר
צונויף. ווען ס׳האָט דיך גאָט מיט זיין באַריר
פֿון יענעם טונקלען, אומבאַקאַנטן, קאַלטן

תהום אַרויסגעפֿירט, אַנטפּלעקט פֿאַר מיר — —
האָב איך אין זכות פֿון דעם זיך אָפּגעשפּאַלטן
פֿון איינזאַמקייט און אַלע נאַכט-געוואַלטן,
וואָס האָבן מיר פֿאַרשפּאַרט די וונדער-טיר,

וואָס פֿירט צו מענטש, פֿון מענטש אויך צו דער וועלט.
אַזוי האָסטו אין מיר דערוועקט דעם גלויבן
וואָס האָט געצאַנקט, און ווידער אויפֿגעהעלט

די האָפֿענונגען — ווי די שטערן אויבן.
וועל איך דיין בילד, מיין ליבע, אייביק האַלטן
אין מיר, אין אַלע פֿאָרמען, אורגעשטאַלטן.

שלאָף לוסיאַ אין אַ וויגליד
ווי דו וואָלסט מיין קינד געווען.
גליקלעך דער, וואָס האָט אין דיר
אַזאַ אומשולד־חן דערזען.

אויף דיין שטערן שיינט אַ שטערן,
לייכטן העלער דיינע האָר.
שלאָף, און לאָז מיך זיין דער היטער,
פון דיין חלום, פון דיין וואָר.

ס׳קלינגט דער זייגער אויס אין טורעם,
דאָרט אַ שטילע האַלבע־נאַכט.
שלאָף, און פיל אַז אין דיין חלום
האָט דיך עמעץ ליב און וואַכט.

ס׳איז ניט ווייט צו אונדזער מאָרגן,
חלומסטו איז עס אַ שפרונג.
שלאָף, ביז ווען דער טאָג וועט אויפגיין,
שיין ווי דו, פאַרליבט און יונג.

איך וועל זיין גאַנץ פרי דער ערשטער
וואָס וועט עפענען דיין בליק,
און זיך פרייען אין אַנטפּלעקונג,
פון אַזויפיל פרייד און גליק.

שלאָף לוסיאַ אין אַ וויגליד,
ווי דו וואָלסט מיין קינד געווען.
גליקלעך דער, וואָס האָט אין דיר
אַזאַ אומשולד־חן דערזען.

סאַנטאַ לוסיאַ

ס׳איז אָוונט שוין — דער הימל האַלט די בערג
מיט זיינע טונקלע הענט אַרומגענומען,
ווי ער וואָלט מוראדיק אין זיך געטראַכט,
פון דעם וואָס איז, און אַלץ וואָס וועט נאָך קומען.

נאָר ווען עס צינדט זיך אָן — ווי אין דיין בליק,
דער זילבער־ציטער פון אַ ווייסן שטערן,
גייט אויף אין ווונדער דער נסיעה־וועג,
וואָס פירט צו דיר אַריבער קאָרדיליערן.

אין מיט פון הויכע אַנדן־בערג אין שניי,
ווי פליגל פון די אָדלער־סילועטן,
איז פּחדיק די שעה וואָס וויל דיין וועג
מיט אומבאַקאַנטן סוד באַטרעטן.

נאָר דו געליבטע העלסט מיט ליכט און ליד,
מיט ליבע אויף דאָס ווונדער פון נסיעה.
געבענטשט זאָל זיין דער וועג וואָס פירט צו דיר,
אָ סאַנטאַ, סאַנטאַ, הייליקסטע לוסיאַ.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1951

ביים וואַסערפֿאַל

א.

אַ וואַסערפֿאַל רוישט,
הילכט אָפּ צווישן שטיינער.
ער פֿאַלט
און צעפֿאַלט זיך
אין דינינקע טראָפּנס.
איין פֿעלדזן
דאָרט אויבן
זינגט מיט אינעם פֿרייד־קוואַל,
אַן אַנדערער לייגט זיך
דעם ניגון צוקאָפּנס.

אַ זונשטראַל שיינט דורך
דעם וואַסערשטויב־רעגן,
פֿאַרוואַנדלט זיך באַלד
אין אַ פֿאַרביקן בויגן.
איך שטיי פֿאַרן וווּנדער
פֿון ליכט און אָפּאַלן — —
געליבטע,
דאָס קוק איך איצט דיר
אין די אויגן.

ב

גאָט,
אין מיין שטילסטער
און איינזאַמסטער שעה וועל איך פרעגן,
צי בין איך איר ליבע
וואָס זי האָט אַנטפּלעקט פאַר מיר, ווערט.
און וואַרטן וועל איך אויף דיין אָנזאָג
אַז דו האָסט פאַרצייכנט מיין גאַנג,
מיין תּפילה דערהערט.

ווייז
מיר דעם וועג,
איך זאָל קיינמאָל איר צניעות באַפלעקן;
כ׳זאָל תמיד איר ליכטיקייט טראָגן
אין זיך.
מיט לויטערן האַרץ
זאָל איך קענען צום הייליקסטן קומען
און אויסטון
אין ליבע
די שיך.

ווען ערגעץ־ווו ווערט האַרבסט אין לאַנד,
גייט אויף אַ ווייסער פרילינג דאָ,
און ווען אַ חלום שטאַרבט צומאָל,
אַזוי ווי ס׳שטאַרבט די אָוונט־שעה,

קומסטו אין ליכט צו מיר צו גיין
און שפּאַלטסט די גרויע איינזאַמקייט.
דיין ליבע האָט פאַר מיר אַצינד
דעם וועג מיט וווּנדער אויסגעשפּרייט.

ווען ערגעץ־ווו ווערט האַרבסט אין לאַנד,
גייט אויף אַ שיין וואָס קרוינט דיין בליק.
און ווען די צייט פאַרגייט אין שוואַרץ,
ברענגסטו זי העל און ריין צוריק.

אַזוי ליכטיק ביסטו

אַזוי דיין, אַזוי איידל און ליכטיק ביסטו,
אין דיין גאַנג וועט אַמאָל זיך דער טאָג נאָך פּאַרשפּינען.
און אַז קומען וועט שטיל אינעם דעמער די שעה,
וועט די זון אויף צוריק מער איר וועג ניט געפינען.

זי וועט שיינען אָן אויפהער, אָן אויפהער אַזוי...
צי זי וועט ווי אַ בליץ אין דיין בליק זיך פּאַרלירן — —
איך האָב מורא אַז גאָט וועט ניט קענען די צייט,
אינעם אייביקן גאַנג צו דעם אין־סוף דערפירן.

פרימאָרגן דערנענט,
און איך האָב די שאָטנס
פון זיך ניט פאַרטריבן;
זיִך נאָך ניט
פון חלום דערווייטערט.
דו אָבער, לוסיאַ,
ביסט ליכט.
דיין בליק איז דער טאָג...
אַזוי ריין און געלייטערט.

דו קומסט מיר אַנטקעגן
אין פאַרע פון טוי,
וואָס האָט מיטאמאָל זיך
צום הימל דערהויבן.
און איך וואָס בין ערשט
אין חושך געלעגן,
טרינק אוים אין אַנטפּלעקונג
דעם רויטלעכן שיין
פון אָנהויב אין שויבן.

אַ רגע שלום

די שבת-לייכטערס אויפֿן טיש
צעשפּרייטן ליכט — די פֿליגל-אָרעמס.
זי בענטשט מיט אירע העלע הענט,
און שטעלט אין הימל אָפּ די שטורעמס.

פֿאַרטרייבט זי אַלע שאָטנס באַלד — —
מחשבות, שוואַרצע ווי די קראָען...
ווייל ליכט גיסט זיך פֿון אירע הענט,
און גאָט אַליין קלינגט אויס די שעהן.

אַ רגע שלום ציטערט אויף,
און ס׳דאַכט זיך, אַז סע קומט פֿון דאָרט,
ווי ס׳שטייט געשריבן אַזוי העל...
איר ליבע ווי אַ הייליק וואָרט.

די געשטאַלט
און דער שאָטן וואָס פאַלט
שוועבן ווייט זיך אין ליכטשיין פונאַנדער — —
כאָטש דער שורש איז איינס,
אויף דער וועג
וואָס דערפיט אונדז
דורך אָוונט און וואַנדער.

אָבער פרייטיק צו נאַכטס צינדט זי אָן
אין מעשענע לייכטערס
די ליכטער...
ווערט עס העל אויף דער וועלט,
ווערט עס ליכטיק אין הימל
פון איינזאַמסטן דיכטער.

א י נ ה אַ ל ט

הקדמה 7

I. די זיבן צעשויבערטע ימען

בוקאָווינער ערד

פויגל פון דער בוקאָוינע 13
נאָר די מורא, מורא, מורא 14
דריי רייטער 16
אויף יענער זייט פּרוט 19
פּאַר אַ גאָלדענעם צאָן 21
דער באַרג 23
דער איינציקער גאָרטן 25

אַמעריקאַנאַ

עלעגיע 31
האַרבסטן אין ניו־אינגלענד 32
פייגל אין צפון 34
אַנהויב זומער 35
CRANBROOK VILLAGE 36
דער קיניג פון די סטעפּן 38
אומזיכטבאַרע האַנט 40
PARKING LOT 42
מורא 45

ראָבערט פראָסט (איבערזעצונגען)

געבליבן שטיין ביים וואלד אין אַ שנייאיקן אָוונט 47
אַמאָל ביים פּאַציפיק 48

אויף די פאַרזשאַווערטע אַנדן

אומרו צווישן פרוט און ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ 51
דער קאָנדאָר 54
אין אומעט פון אַפּשייד 55
אַמבו 56
אַן אויפהער רוישט דער ים 58
RUA ITABOCA 59
אַ נעגער 60
ערגעץ אין בראַזיל 61
טיטיקאַקאַ אַזערע 63
אַן אינדיאַ 64
„טשיטשאַ" 65
טעג פון קאַרנאַוואַל 66
דער בוים האָט דאָ זיין צווייט אַנטפּלעקט 68

קאָסמישער טוריסט אין לבנה־קאַץ־לאַנד

לבנה־קאַץ אין אַ נאַכט פון כסלו 73
חער חייס ווי לאַנג 74
אין גרויסן דרויסן . . . . 84—75
איך שחעב אַרום אַן גראַוויטאַציע 85

ישראל

איילבירט בוים 91
הייסער ווי די מדבר־זון 92
אין נגב 93
מאה שערים 94
אין קיינעמס־לאַנד 95
מיין בלויער רויטער ים 96
אין גליל 97
סאַבראַ מיין קינד 98
ישראל 99

II. וואַנדער אויפן קוסט

אין רו און פריד

ביים אַלטן בוים 105
צו מיין זון יהודי 106
אַ תפילה 109
נסיעה דורך וואַנדערלאַנד נאַכט 110
אין פריער שעה 112
אומרו 114
ביסט גובר אלץ 115

די מורא אין דיר 116
דאָס ווּנדער אויפֿן קוסט 117
אין גאַנג פון יאָרן 120
דער קינסטלער 123
ערב אָנהויב 126
עפּיטאַפן — א, ב, ג, ... 129–127
קין 130
נעכטן 132

און אַזוי ווייטער

אויפֿן גרויסן יריד 135
דער מאַנאַ־קאַטער פֿון מאַנאַקאָ 136
אַ צירקוס־פלוי 137
חלום פון אַ שילדקרויט 139
דרייצן 142

לוסיא

דיין בילד 145
וויגליד פֿאַר דיר 146
סאַנטאַ לוסיאַ 148
ביים וואַסערפֿאַל א, ב, ... 150–149
ווען ערגעץ־ווּ ווערט האַרבסט אין לאַנד 151
אַזוי ליכטיק ביסטו 152
אַזוי ריין און געלייטערט 153
אַ רגע שלום 154
פרייטיק צו נאַכטס 155

ביכער פון זעלבן מחבר:

נאַרציסן — סאָנעטן: פאַרלאַג "טשערנאָוויצער בלעטער", טשערנאָוויץ 1937

אָוונט ביים פּרוט — סאָנעטן און לידער: ניו־יאָרק 1942

אַ פּאַסטוך אין ניו־יאָרק — בוענאָס איירעס, 1951